STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08938

TSEN BRIDER ZAYNEN MIR GEVEZN

Henri Sloves

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ח. סלאָוועס / צעז ברידער זײַנעז מיר געוועזן...

ח. סלאָוועס

צען ברידער זיינען מיר געווען...

דראַמע אין דריי אַקטן

פאַרלאַג אויפסניי פאַריז

דאָס אויפפירן, אין וועלכער נים איז פאָרם, פון דער פיעסע, אין גאַנצן אָדער טיילווייַז, אָן דער דערלויבעניש פון מחבר, איז פאַרבאָטן.

הילע געצייכנט: אַרטור קאָלניק

„צען ברידער זײַנען מיר געוועזן...“ איז אויפגעפירט געוואָרן צום ערשטן מאָל, אין פאַריז, דעם 21־טן אַפּריל 1964, אין טעאַטער „סטודיאָ דע שאַנז־עליזיי“, אונטערן טיטל «TU LÈVERAS TON FRONT» („מיט אַ געהויבענעם קאָפּ“), אין דער פראַנצייזישער באַאַרבעטונג פון מחבר און אונטער דער רעזשי פון זשאַק מיניאָ.

פארענדיקט דרוקן אין נאוועמבער 1965 אין דרוקעריי „אבעסע“, פאריז, אונטער דער השגחה פון יוסף שעכטער. געדרוקט: נפתלי מילגער.

H. SLOVÈS

TSEN BRIDER ZAINEN MIR GEWEZN...

(NOUS ÉTIONS DIX FRÈRES... OU TU LÈVERAS TON FRONT)

DRAME EN TROIS ACTES

TOUS DROITS RÉSERVÉS POUR TOUS PAYS

COPYRIGHT BY ÉDITIONS « OFSNAÏ» PARIS 1965

PRINTED IN FRANCE

IMPRIMERIE ABÉCÉ, 21, RUE JULIETTE DODU, PARIS 10e

פ יי ג ל ע ן
א ו ן —
מ י ש ע ל ן

ס'איז פֿאַראַן אין דער מוזיק — פֿון דער קלאַסישער ביז דער מאָדערנער און אפֿילו אַוואַנגאַרדיש־מאָדערניסטישער — אַ שאַפֿונג־פֿאָרם, וואָס הייסט „טעמע און וואַריאַציעס".

„צען ברידער זײַנען מיר געווען..." איז פֿאַרטראַכט געוואָרן כמעט ווי אַ מין — „טעמעס און וואַריאַציעס".

טעמעס — אין מערצאָל! אַזש פֿיר:

דער יידל־מיטן־פֿידל־מאָטיוו — אַ מערקווירדיקער ניגון, דער מערקווירדיקסטער אפֿשר פֿון אונדזער הײַנטצײַטיקער פֿאָלקסטימלעכקייט;

דער איוב־וויכּוח מיט גאָט און וועלט — איינער פֿון די גרונט־טענער פֿון אונדזער פֿיל־טויזנט־יאָריקייט;

שיר־השירים — דאָס וווּנדערלעכסטע געזאַנג וועגן ליבע, האָפֿענונג און לעבן;

און די פֿערטע טעמע, די צענטראַלע און עיקרדיקע, מיט וועלכער די ערשטע דרײַ פֿלעכטן זיך איבער כּסדר אין אומצאָליקע וואַריאַציעס — דער דערשיטערנדיקער אויסגעשריי פֿון געטאָ־אויפֿשטאַנד.

ווי קומען יידל־מיטן־פֿידל און די איוב־טענות און דאָס שיר־השירים־געזאַנג צו געטאָ־אויפֿשטאַנד?! זיי קומען!

צײַט, בײַ יעדן פֿאָלק, מיינט תּמיד — צייטן, סך־הכּלען. יעדע תּקופֿה איז כּולל אין זיך פֿיל־פֿיל אַנדערע תּקופֿות. די געטאָ־אויפֿשטאַנד־עפּאָפּייע איז ווי אַ באַרג־שפּיץ־פֿײַער, וואָס רופֿט זיך איבער מיט אָן אַ שיר אַנדערע באַרג־שפּיץ־פֿײַערן. זי איז: געזאַנג־און־געוויין פֿון אַ דור, אײַנגעהאָפּטן אין געזאַנג־און־געוויין פֿון אומצאָליקע דורות.

די גרויסקייט פֿון דער קלאַסישער גריכישער טראַגעדיע באַשטייט אין איר אומגעווייִנלעכן פּאַטעטישן צמצום. ווען די שפּילער־פּראָטאַגאָניסטן דערשײַנען צום ערשטן מאָל פֿאַרן עולם, איז דער גורל פֿון יעדן העלד שוין געחתמעט. דער אייגנטלעכער סיפּור־המעשה האָט זיך פֿונאַנדערגעוויקלט

נאָך איידער זיי האָבן זיך באַוויזן. דער משפּט איז שוין אַרויסגעטראָגן — און ענדגילטיק. זיי קומען בכדי אונדז אויס־צוזינגען דעם אויפטרייסלענדיקסטן — ווײַל דעם לעצטן — געזאַנג פון מענטשלעכן גורל, בכדי צו ווײַזן דעם לעצטן צאַפּל פון מענטשלעכן האַרץ, דעם לעצטן אויסגעשריי פון דער מענטשלעכער נשמה. דער דאָזיקער אויסגעשריי איז נישט דווקא פון יאוש. גראָד דער באַזינגטער, איבער וועמענס קאָפּ עס לאָזט אַראָפּ זיך אומברחמנותדיק די האַק, איז אָפט דער ווירקלעכער זיגער.

„צען ברידער זײַנען מיר געוועזן...“ איז אַ פּרוּוו אויפצו־בויען אַ מאָדערנע טראַגעדיע אָט לויט די האַרבע, שטרענגע כּללים פון אַלטן גריכישן טעאַטער, מיט זײַן גאַנצער באַ־דינגלעכקייט און מיט די קלאַסישע דרײַ איינסקייטן פון צײַט, אָרט און האַנדלונג.

ס'איז אַ פּרוּוו צו דערגרייכן אויף אַזאַ אופן — און מעג־לעך, אַז קיין צווייטער אופן, לכל הדעות אויף דער בינע, איז נישט פאַראַנען — צום סאַמע קערן, צום סאַמע האַרץ פון אַן אומגעהויערן, מענטשלעכן פּאַרמעסט, וואָס טרייסלט אויף ביז די טיפסטע־טיפענישן מיט זײַן גרויסקייט, אַ פּאַר־מעסט אין וועלכן דאָס מענטשלעכע איבערשטײַגט זיך אַן אויפהער און דערהויבט זיך כסדר צום איבערמענטשלעכן.

אַלדאָס סיפּור־המעשהדיקע, אַלדאָס צופעליקע און אויבנ־אויפיקע איז בכיוון געוואָרן אויסגעלאָזט.

במשך פון צוויי מיט אַ האַלבע שעה — די בינע־צײַט פאַלט זיך צונויף מיט דער ווירקלעכער צײַט — פון פיר בײַנאַכט ביז האַלב זיבן באַגינען, זינגען אויס עטלעכע לעצ־טע געטאָ־קעמפער, עטלעכע לעצטע געטאָ־יידן זייער לעצט געזאַנג, יעדער מיט זײַן ניגון. עס רופן זיך איבער און פלעכטן זיך דורך די מאָטיוון פון יידל־מיטן־פידל, פון איוב און שיר־השירים, מיטן געהילך פון קוילנוואַרפער און אויפרײַס־קנאַל פון גראַנאַטן. עס שאַפט זיך אַן אייגנאַרטיקע נײַע האַרמאָניע, אין אַ נײַעם מין „טעמעס און וואַריאַציעס“.

און וואָס מער מען פּרוּווט זיך דערנענטערן צום קינסט־לערישן אמת, אַלץ קלאָרער און בולטער דערשײַנט דער אמת דער היסטאָרישער : דאָס לעצטע, טראַגישע געזאַנג פון געטאָ־אויפשטאַנד איז געווען לויטער אמונה : גלויבן אין מענטש, אין פאָלק און אין וועלט.

פערזאָנען:

תנחום

ערשטער ייד

צווייטער ייד

דוד

עוואַ

שמעון

הערש

מלכה

יעקב

ערשטער אקט

מוזיק, נאַכט, פינצטער. ווענט פון אָפּגעברענטע הייזער. חורבות. בערגלעך אָנגעוואַלגערטע ציגל און שטיינער. די בינע איז ליידיק. אַ העלער ליכט־פּאַס פון אַ פּראָזשעקטאָר לויפט אָן, טאַפּט דורך דעם חלל, שטעלט זיך אָפּ אַ ווײַלע אויף די בערגלעך, אויף די חורבות און פאַרשווינדט.

ס׳קומט אַריין תנחום — אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, ווילד פאַר־וואַקסן. ער באַוועגט זיך פּאַמעלעך, אָבער זיכער, הגם מיט עפּעס אַן אומרעאַלן, כמעט שוועבנדיקן טראָט.

תנחום:

(ברומט שטיל, מיטן באַקאַנטן ניגון) **צען ברידער זײַנען מיר געווען... האָבן מיר געהאַנדלט...** (ער רייסט איבער, הערט זיך צו אויפמערקזאַם און, ווידער מיטן ניגון) **האָבן מיר געהאַנדלט...** (רייסט איבער נאָך אַמאָל, הערט זיך צו, קוקט זיך אַרום, באַמערקט גאָרניט; שאָקלט מיטן קאָפּ) **איי, געהאַנדלט! איי, געוואַנדלט! מיט וואָס גישט?! און מיט וואָס יאָ?! איז אָבער קיין מזל ניט געווען. אַלץ מיטן פוטער אַראָפּ! האָט מען געהאַנדלט מיט ווײַן — זײַנען מיר געבליבן נײַן! האָט מען געהאַנדלט מיט גע־בעקס — זײַנען מיר געבליבן זעקס! האָט מען זיך גע־נומען צו ביר — זײַנען מיר געבליבן פיר! און דער מלאך־המות הערט ניט אויף, גאָר אָן רחמנות — ער שעכט, ער שעכט! גוואַלד, מ׳האָט זיך געכאַפּט צו היי — זײַנען מיר געבליבן צוויי! נו, וואָס?! וואָס האָט מען שוין געקאָנט אויפטאָן?! בית־עלמינס, קאַלך־אויוונס, גריבער, שטיינער! פאַרפאַלן, זאָל זײַן בדאי שטיינער! אוי,** (ער

שאָקלט אַ ווײַלע מיטן קאָפּ) **בין איך געבליבן אײנער!** (ער הערט זיך ווידער צו, אָנגעשטרענגט) **אַ זיפץ!** (ער קוקט זיך אַרום, רופט שטיל) **ווער איז דאָרט?!** (קײנער ענטפערט ניט, ער רופט העכער) **ווער האָט דאָ געזיפצט?!** (קײן שום ענטפער; ער זעצט זיך, שווער, אויף אַ בערגל ציגל) **די כחות גײען אויס!** (אַ ווײַלע שאָקלט ער זיך פּאַמעלעך, אין דער שטיל און באַלד, ווי זיך דערמאָנענדיק) **איז געווען אַ מאַן, אין לאַנד עוץ, און זײַן נאָמען איז געווען איוב!..** (פּויזע; ער חזרט, ווי כדי בעסער צו פאַרגעדענקען) **איוב!..** (ער הייבט אויף דעם קאָפּ צום הימל און שרייט) **ער האָט געהייסן איוב!** (ער מורמלט עפּעס און באַלד, שטיל) **און אַז אַלץ איז געווען שוין פאַרצערט פון פײַער — ניט קײן קינד, ניט קײן רינד, ניט קײן היים, ניט קײן דאַך — און זײַן גוף איז געוואָרן אײן גרויסע, אײטערדיקע וווּנד, האָט זיך יענער אָפּגערופן: אַט איז די שעה פון לעסטערונג! לעסטער גאָט! לעסטער דעם מענטש, זײַן באַשאַף! פאַרשילט די וועלט, וואָס איז געפורעמט לויט זײַן ווילן!** (ער מורמלט עפּעס, שאָקלט מיטן קאָפּ; פּלוצלינג אין אַן אויסגעשריי) **כ'וועל ניט לעסטערן! נײן! חלילה! ניט גאָט, ניט דעם מענטש, ניט די וועלט! בלויז דיך וועל איך פאַרשילטן, אשמדאי! פון דיר קומט אַלדאָס בייז!** (פּויזע; ער איז קענטיק דערשעפּט; אין אַ געמורמל) **איך שפּרייט מײַנע הענט און איך שריי קעגן אומרעכט! וואָס איז מײַן כח, אַז איך זאָל האָפן?! אָבער איך האָף!**

מוזיק; ס'באַלויכט זיך פּאַמעלעך די רעכטע זײַט בינע; אויף אַן אָפּגעברענטער טרעפּ פון אַ חורבה, צווישן ערשטן און צווייטן שטאָק, זיצט אַ מאַן; ער קוקט שטאַר אין דער פינצטערניש.

ד ע ר מ אַ ן :

(שטיל) **תנחום! דער לעצטער פון די צען ברידער!**

ת נ ח ו ם :

(אין אַ זיפץ) **קײן כח ניטאָ!**

ס׳באַלויכט זיך פּאַמעלעך די לינקע זייט בינע; אויף אַ שטיקל דיל, אין אַ אָפּגעבערענטן הויז, זיצט אַ צווייטער מאַן; ער קוקט אַרויס אין דער פינצטערניש.

צווייטער מאַן:

(שטיל) **תנחום! איוב פונעם לאַנד געטאָ!**

תנחום:

(אין אַ זיפץ) **די כחות גייען אויס!** (פויזע; ער הויבט אויף דעם קאָפּ, באַטראַכט אַ רגע דעם ערשטן מאַן, דערנאָך דעם צווייטן) **ברידער, צו וואָס נאָך דאָס וואַרטן?! דער סוף איז דאָך געחתמעט! נישט פאַר די לעבעדיקע האָף איך! כמעט שוין נישטאָ קיין לעבעדיקע מער! ס׳וועט אָבער זײַן תחית־המתים! כ׳מאָן גערעכטיקייט פאַר די, וואָס וועלן אויפשטיין פון גרוב. זײַט ניט קיין עקשנים, ברידער! פאַרהאַלט ניט די גאולה! איר שפּאַרט זיך דווקא אײַן צו לעבן — וואָס האָט עס פאַר אַ זינען?!** (אַ קורצע פויזע און שטיל, מיטן ניגון פון „יידן אין שול אַריין״) **יידן־יידן, פאַרוואָס ווילט איר ניט שטאַרבן?! נאַרישע יידן, פאַרוואָס ווילט איר ניט שטאַרבן?!**

ערשטער מאַן:

(שטיל) **תנחום — אַ מאַן פונעם לאַנד עוץ!**

צווייטער:

איוב — אַ מאַן פונעם לאַנד געטאָ!

תנחום:

ברידער, וואָס קאָן זײַן נאָך זיסער, ווי דער טויט?! זעט אַליין, אדרבא! איר האָט ניט אָנגעקוקט זיי, רונד אַרום?! סאַראַ שטילקייט, סאַראַ שלווה! אויס מורא, אויס פחד, אויס יסורים, ניט קיין הונגער, ניט קיין דורשט — אַ גן־עדן! כ׳האָב אַרײַנגעקוקט אין די אויגן ביי זיי. כ׳האָב ליב צו קוקן מענטשן גלײַך אין די אויגן! גליקלעכע אויגן! ברידער, כ׳האָב קיין כח ניט מער! אַלע גלידער טוען מיר וויי! שוין צײַט פאַר מיר אויך זיך אויסרוען! לאַנג שוין צײַט! קאָן

איך אָבער ניט! כ׳בין דער היטער פון די שוועלן! איך דאַרף פאַרשליסן די טירן, ס׳זאָל קיינער די גאולה ניט פאַרהאַלטן! זייט ניט קיין עקשנים, ברידער! (ער שטעלט זיך אויף, קרעכצט, הויבט אָן גיין און, מיטן פריערדיקן רעטשיטאַטיוו) **יידן־יידן, פאַרוואָס ווילט איר ניט שטאַרבן?**

(ער גייט פאַמעלעך אַרויס)

פויזע; די צוויי מענער זיצן אין זייערע באַהעלטע־נישן און קוקן אַרויס אין דער פינצטער.

ע ר ש ט ע ר :

אַ שיינע נאַכט היינט!

צ וו יי ט ע ר :

אַ שיינע נאַכט... (פויזע)

ע ר ש ט ע ר :

ווי הייסט איר?

צ וו יי ט ע ר :

איך? (ספקט אַ ווײַלע) **אַ ייד פון געטאָ.**

ע ר ש ט ע ר :

אַ לעצטער ייד פון געטאָ.

צ וו יי ט ע ר :

בלויז אַ קעפּל — פאַרן קוילער!

ע ר ש ט ע ר :

בלויז אַ ציפער — אין דער ספירה פון בלוט!

צ וו יי ט ע ר :

אַ שטילע נאַכט היינט!

ע ר ש ט ע ר :

אַ שטילע נאַכט...

צ וו יי ט ע ר :

איר קאָנט שלאָפן?

ערשטער:

כ׳בין געשלאָפן. ס׳האָט זיך מיר געחלומט: איך וויין מיט טרערן. די טרערן באַנעצן מיר די ליפּן און זיי זײַנען זיס... זיס ווי האָניק... תנחומס קול האָט מיך אויפגעוועקט. מײַנע ליפּן זײַנען ווי אויסגעברענטער קויל. מײַנע אויגן זײַנען טרוקן. נישטאָ מער קיין טרערן! (פּויזע) איר ווייסט ניט, ווי שפּעט ס׳איז איצט?

צווייטער:

אָנגעוווירן די וויזערס. מײַן זייגער גייט, דאָס האַרץ קלאַפּט — אָבער די ציפערבלאַט איז טויט. (פּויזע) וויפל שטערנס אין הימל! נאָך קיינמאָל אַזוי פיל שטערן ניט געזען!

ערשטער:

קוקט זיי גוט אָן!

צווייטער:

(שטילער, ווי אָן עכאָ) כ׳קוק זיי גוט אָן... (פּויזע) וואָס פאַר אַ טאָג איז הײַנט? (דער ערשטער ענטפערט ניט) כ׳האָב פאַרלוירן דעם חשבון. כ׳ווייס ניט, ווי לאַנג איך ליג דאָ אַזוי, אויף דער פאַרשרפעטער ברעט. טעג, וואָכן, חדשים? כ׳געדענק ניט! וואָס נעכטן, וואָס הײַנט, וואָס מאָרגן?

ערשטער:

מאָרגן?! נישט פאַר אונדז דער מאָרגן! (פּויזע) די באַהעלטעניש אײַערע — אַ גוטע?

צווייטער:

ניין.

ערשטער:

פאַרוואָס זיצט איר דאָ?

צווייטער:

איך בין אַ היטער.

ע ר ש ט ע ר :

פון די שוועלן — ווי תנחום?

צ ו ו י י ט ע ר :

פון אַ באַרג! (פּויזע) אונטער יענעם באַרג מיט ציגל, אָט דאָרטן, איר זעט?! (ער ווייזט הינטער די קוליסן און, אין אַ טאָן ווי מען דערציילט אַ קינדער־מעשהלע) אונטער יע־נעם הויכן באַרג... אונטער יענעם רויטן באַרג... אונטער יענעם באַרג פון אויסגעברענטן שטיין... דאָרטן ליגט מײַן ווײַב... דאָרטן ליגן אויך די קינדער מײַנע... אַלע קינדער... (פּויזע) איך בין אַ היטער פון באַרג.

ע ר ש ט ע ר :

און מיר איז בלויז אַש פאַרבליבן. ווען די האָר פון מײַן ווײַב האָבן זיך אָנגעצונדן, האָב איך ניט באַנומען גלײַך. אַ פײַער־קרוין האָט אויפגעלויכטן, מיט אַ שרעקלעכן ליכט. מיט איין מאָל האָבן ווײַסע פלאַמען זי אַרומגעוויקלט! פון אַלע זײַטן! אַ ברענענדיקער מלאך! אַ שרף געוואָרן! און פּלוצלינג האָט זי אָנגעהויבן פליען! בפירוש פליען — ווי מיט פליגל! זי האָט געענדערט פאַמעלעך, פאַמעלעך — דאָס קינד אויף די הענט! צווישן ברענענדיקע ווענט! נישט אַרויסגעלאָזט דאָס קינד פון האַנט! (פּויזע)

צ ו ו י י ט ע ר :

ווי קלאָר דער הימל איז הײַנט!

ע ר ש ט ע ר :

און הויך! אַזוי הויך! (פּויזע) און גאָט האָט עס צוגעזען!
און גאָט האָט עס דערלאָזט!

צ ו ו י י ט ע ר :

איר האָט טענות צו אים?!

ע ר ש ט ע ר :

ניין. מסתמא איז ער אויך שוין — בלויז אַש.

צ ו ױ ט ע ר :

(פלוצלינג שאַרף) **פאַרזיכט!**

זײ ציִען זיך תכף אױס אױף זײערע באַהעלטעניש;
דאָס ליכט, װאָס האָט געהאַט באַלױכטן בײדע חורבות,
פאַרלעשט זיך; פון הינטער דער בינע, לינקס, דער־
הערט זיך אַן אױסגעשרײ פון אַ מענער־קול.

ד י ש ט י מ ע :

(פון הינטער די קוליסן) **פאַרזיכט, עװאַ!**

ס׳לױפן אַרײַן אַ בחור מיט אַ מײדל, דוד און עװאַ,
און גיבן זיך אַ װאָרף אױף דער ערד; דער ליכט־פּאַס
פון פּראָזשעקטאָר לױפט אָן, קרײזט װידער דורך די
בינע און פאַרשװינדט; דוד און עװאַ זעצן זיך אױף;
דאָס זײנען געטאָ־קעמפער.

ד ו ד :

נעענטער! נעענטער צו דער װאַנט! (זײ שטעלן זיך אױף;
גײען־צו צו דער װאַנט פון דער חורבה, זעצן זיך) **ביסט
זיכער, מיר זײַנען זיך נישט טועה?**

ע װ אַ :

(הױבט זיך אױף, קוקט זיך אַרום) **פולשטענדיק זיכער. איך
דערקען אָט יענע חורבה. שמעון האָט זי מיר אָנגעװיזן. דאָ
דאַרפן מיר װאַרטן אױף אים.** (זי זעצט זיך צוריק) **װיפל
איז דער זײגער?**

ד ו ד :

(קוקט אױף זײן זײגער) **צען נאָך פיר.**

ע װ אַ :

קומסט שפּעט!

ד ו ד :

יאָ, (פּױזע) **כ׳האָב פאַרבלאָנדזשעט.**

עוואַ:

פֿאַרבלאָנדזשעט?

דוד:

אומגלויבלעך, וואָס? אויף אָט דעם שטיקל ערד בין איך געבוירן. אָפּגעלעבט דאָ די גאַנצע יאָרן. יעדן ווינקל געקענט, יעדן געסל! און דאָך — נישט געטראָפֿן דעם וועג! איך דערקען מער גאָרניט — נישט קיין גאַסן, נישט קיין הייפֿן, נישט קיין הײַזער! אַ וויסטעניש! בערג און טאָלן! און קיין לעבעדיקער נפֿש!

עוואַ:

(שטיל, פֿאַרטראַכט) פֿריער פֿלעגן נאָך אַרומשלײַכן פֿאַר־באַהאַלטענע יידן פֿון די בונקערס, די נעכט זײַנען פֿול געוועזן מיט שטילע טריט, מיט פֿאַרשטיקטע קרעכצן — פֿון קראַנקע און פֿאַרוווּנדעטע. ביסלעכווײַז איז אַלץ געוואָרן אַנטשוויגן. אַלץ איז אײַנגעהילט אין שטילקייט.

דוד:

די שטילקייט פֿון טויט! נישטאָ מער קיין געטאָ! בלויז מדבר! אַ מדבר! און — דו געדענקסט? (ער דעקלאַ־מירט) „ווער איז די, וואָס גייט אויף פֿונעם מדבר, אַזוי ווי זײַלן פֿון רויך?״ (פּויזע) אַפֿילו קיין רויך זעט מען מער ניט אין געטאָ! אַלץ איז אויסגעלאָשן! קיין שום פֿונק פֿון לעבן! און זי גייט אויף, זי גייט אויף! זי — די געשטאַלט פֿון טויט!

עוואַ:

(אין אַ געמורמל) ווי שפּעט איז איצט, דוד?

דוד:

(האָט ניט געהערט די פֿראַגע) זי גייט אַ רואיקע אַזאַ! אַ גלײַכגילטיקע! מיט אַ קאַלטן און זיכערן טראָט — צווישן חורבות אומצאָליקע, פֿאַרבײַ בערג מיט מתים! זי שפּרײַזט איבער קעלערס און היילן אויפֿגעריסענע, איבער בונקערס

אויפגעבראָכענע, אויף אַ גאַנצער אונטערערדישער שטאָט, אַ צעוואַלגערטער און חרובער, ווי נאָך אַ ערדציטערניש!

עווא:

ווו ביסטו געווען?

דוד:

(קוקט זי אָן אַ ווײַלע, בײַט דעם טאָן און, מיט אַ לײַכטן שמייכל) אין די קאַנאַלן! כ׳האָב געמאַכט אַ וווּנדערבאַרן שפּאַציר אין די קאַנאַלן! (ער לאַכט שטיל, בײַט ווידער דעם טאָן) זי גייט אויף — און מיר זיצן אַנמאַכטיק, מיט ליידיקע הענט! אָן איין קויל, אָן איין צינד־פלאַש! (ער דעקלאַמירט) „זי גייט אויף פונעם מדבר, אַזוי ווי זײַלן פון רויך...״ געדענקסט?

עווא:

וואָס אַזוינס?

דוד:

ס׳איז פון שיר־השירים!

עווא:

(מיט אומגעדולד) איך קען ניט שיר־השירים!

דוד:

אַ, יאָ! האָסט עס מיר שוין געזאָגט אַמאָל! אַ שאָד! אַ פּרעכטיק טרויער־ליד! וועגן ליבע אויך אַ ביסל, ווי דען אַנדערש, אָבער בעיקר — אַ ליד וועגן טויט! (פּויזע) וואָס אמת, פאַראַן דאָרט ראָמאַנטישע שורות — געראָטענע ביז גאָר! (ער לאַכט) כ׳קען זיי אויף אויסנווייניק. ווילסט איך זאָל דיר לייענען — אָט סתם אַזוי, די צײַט זאָל שנעלער פאַרגיין?! ווילסט?! (עווא שווייגט; דוד דעקלאַמירט שמייכלענדיק) ביסט שיין, געליבטע מײַן, ביסט שיין! דײַנע אויגן זײַנען טויבן, דורך דײַן שלייער אַדורך!

עווא:

(שטיל) האָסט ניט באַגעגנט שמעון׳ען?

דוד:

(בייט דעם טאָן) ניין. כ׳האָב ניט באַגעגנט שמעון׳ען (אַ פּויזע און ווידער, ווי פריער) ווי אַ רויט פּאָדים זיינען דיינע ליפּן! און דיין מויל איז באַחנט. דיין באַק איז ווי אַ האַלבער מילגרוים... (פּויזע; ער באַטראַכט זי אויפמערקזאַם, צעלאַכט זיך פּלוצלינג) אַ האַלבער מילגרוים! (ער לאַכט לאַנג).

עווֹאַ:

(קוקט אים אָן) וואָס איז דיר, דוד?!

דוד:

(לאַכנדיק) גאָרניט! אונדזער אַלטער שלמה־המלך! אַט אַן איינפאַל! אַ האַלבער מילגרוים! ווייסט ניט, ס׳איז עפּעס זאַפטיק, אַ מילגרוים? (זי ענטפערט ניט) כ׳בין שרעקלעך דורשטיק.

עווֹאַ:

פאַרבליבן נאָך אַ ביסל וואַסער אין פלאַש.

דוד:

ניין, אַ דאַנק. (פּויזע) עוואַ, איך רייד ערנסט! שלייכנדיק צווישן די חורבות, זוכנדיק אַ וועג אינעם מדבר, האָב איך געזען, ווי זי גייט אויף! כ׳האָב זי געזען — הערסט?! — מיט די אייגענע אויגן געזען! (ער איז אַלץ מער צעטרודערט) און דאַן האָב איך פּלוצלינג דערפילט, אַז פאַר אונדז איז געקומען — די צייט פון געזאַנג!

עווֹאַ:

שווייג, דוד!

דוד:

אַ ניגון איז אויפגעגאַנגען אין מיר! ער האָט מיך באַ־הערשט, מיך אָנגעפילט אינגאַנצן! אַלע אברים מיינע האָבן געזונגען! דאָס האַרץ איז פון ניגון זיך פאַרגאַנגען!

עוואַ:

הער אויף, איך בעט דיך!

דוד:

(אַליץ העכער) **עוואַ, כ'זאָג דיר נאָך אַ מאָל: די צײַט פון געזאַנג איז געקומען!**

עוואַ:

(כאַפּט אים אַן פאַר דער האַנט; שאַרף) **שטילער! מען וועט נאָך אונדז דערוווישן צוליב דיר!** (און פּלוצלינג) **דער פּראָזשעקטאָר!**

זיי וואַרפן זיך ביידע אויף דער ערד; דער ליכט־פּאַס פון פּראָזשעקטאָר קרייזט דורך די בינע און פאַר־שווינדט; זיי זעצן זיך אויף.

דוד:

(שטיל) **אַנטשולדיק!**

עוואַ:

(באַטראַכט אים צודרינגלעך) **וואָס איז געשען, דוד?!**

דוד:

(פאַמעלעך) **וואָס נאָך קאָן אונדז שוין געשען?!**

עוואַ:

דאָס פרעג איך טאַקע! ענטפער! וואָס איז?!

דוד:

(נאָך אַ ווײַלע שווייגן) **גאָרנישט.**

עוואַ:

נישט אמת! קאָנסט קיין ליגן ניט זאָגן — און זאָגסט ליגן! (דוד ציט מיט די אַקסלען, ענטפערט ניט; זי שרייט אויס מיט אַנגסט) **שמעון!**

דוד:

ניין! וויפל מאָל דאַרף איך איבערחזרן: כ'האָב שמעון'ען נישט באַגעגנט! און די נאַכט איז דורך רואיק. קיין איין שאָס

ניט געהערט. (פויזע, ער צעלאַכט זיך) נו, זײַ ניט אַזוי פאַראומערט, חוהלע! דײַן מאַמעשי האָט דיך גערופן חוהלע, ניט אמת?! קענסט דאָך מיך! אַ שטימונג, אַ נאַרישע, איז פלוצלינג מיך באַפאַלן! ס'טרעפט אַמאָל! וואָס קומט דערפאַר?! געוויס, אין מדבר האָב איך רק געזעזן די, וואָס גייט אויף, ווי זײַלן רויך. דאָ אָבער, נעבן דיר, זײַנען מײַנע בליקן צוגעשמידט בלויז צו דײַן באַק — האַלבער מילגרוים מײַנער! (ער לאַכט, עווא שמייכלט) אָט־אָט, גע־ליבט דער אויבערשטער — אַ שמייכל! נו, קאַרג ניט, אַ ביסל מער, מיטן פולן מויל — אָט אַזוי! שאַ, וואַרט! (ער זוכט אין זכרון, דערמאָנט זיך, דעקלאַמירט) דײַנע ציין, ווי אַ סטאַדע שאָף געטאַקטע, וואָס קומען פון טריג־קען אַרויף... (זיי לאַכן) כאַפּט עס דער רוח! וואָס האָט ער געהאַלטן אין איין ריידן, שלמה המלך, וועגן זאַפטן און טרינקען?! כ'ווער פאַרברענט פון דורשט! (עווא דערלאַנגט אים אַ פלאַש) ניין, אַ דאַנק. כ'קאָן נאָך וואַרטן.

ע וו אַ:

ביסט געגאַנגען ווײַט, אין די קאַנאַלן?

ד ו ד:

נשקשה.

ע וו אַ:

ביז צו דער אַנדערער זײַט מויער?

ד ו ד:

ביזן צענטער שטאָט, וואַרשײַנלעך. (מיט אַ שמייכל) ווייסט, ס'איז איצט ממש פראַכטפול אין די קאַנאַלן! געררים, נישטאָ מער קיין טויטע גופים! נישטאָ קיין שטיקנדיקע גאַזן! דאָס וואַסער פליסט שטיל, ס'דוכט זיך דיר אויס: ביסט בײַ אַ טײַך — נאַטירלעך, אויב דו פאַרמאַכסט די אויגן. דער ווידער־קול פון די טונעלן טראָגט פונאַנדער דעם געמורמל פון די כוואַליעס. אַ רואיקער, שטילער גע־פליסטער, וואָס צעגייט זיך ווײַט, העט־ווײַט, אַהין...(פויזע)

ע וו אַ:

און... האָסט ניט באַגעגנט — קיינעם?

ד ו ד:

קיינעם. ס'טוט מיר לייד, עווא. דו און שמעון, איר יאָגט זיך ביידע — נאָך אַ שאָטן. מענטשן, הילף, געווער, אַ וועג צוריקצוציען זיך — נייך, צו וואָס דאָס איינרעדן זיך?! נישטאָ מער גאָרניט און ס'וועט ניט זיין!

ע ו אַ:

(שטיל) ביסט זיכער?

ד ו ד:

יאָ.

ע ו אַ:

(פלוצלינג שאַרף) און פאַרוואָס ביסטו עס אַזוי זיכער?!
(פויזע און מיט פאַרדאַכט) האָסט זיך עפּעס דערוווּסט?!
(ער ציט מיט די אַקסלען, שווייגט; זי קלערט אַ ווײַלע)
דוד!

ד ו ד:

יאָ?

ע ו אַ:

(קלערנדיק) היינטיקע נאַכט, בעת מיין געוועגלעכער וואַך, האָב איך באַמערקט עטלעכע פּאַטרולן זייערע. איין מאָל זיינען זיי פאַרביי האַרט נעבן מיר. געמוזט זיך איינהאַלטן מיט אַלע כחות, כדי נישט צו וואַרפן זיך אויף זיי מיט די נעגל! אַמשרעקלעכסטן איז — דאָס געפיל פון אייגענער אָנמאַכט! (פויזע) זאָג מיר דוד... (זי טראַכט אַ ווײַלע) שוין אַ לענגערע צייט, ווי זיי קומען ניט אַריין אין געטאָ ביינאַכט! האָלסט ניט, אַז ס'איז אויסטערליש, וואָס זיי זיינען ווידער געקומען היינט?! דווקא היינט?! (זי קוקט אים אָן אַ ווײַלע, אירע ליפּן הויבן אָן ציטערן) איך בעט דיך, דוד! איך בעט דיך זייער — זאָג מיר דעם אמת!

ד ו ד:

אָבער וואָס פאַר אַן אמת?! וואָס פעלט דיר איין?! נו,

באַרואיק זיך, חוהלע, האַלבער מילגרוים דו! וואָס איז דיר?

ע ווּ אַ:

גאָרניט.

ד ו ד:

דו ציטערסט אינגאַנצן! (טוט אויס זיין רעקל) דעק זיך איַין! די נעכט ווערן קיל.

ע ווּ אַ:

(שטיל) ניין, באמת... (זי דעקט זיך פונדעסטוועגן איין) וויפל איז דער זייגער?

ד ו ד:

פופצן נאָך פיר.

ע ווּ אַ:

שמעון האָט לאַנג שוין געדאַרפט דאָ זיַין!

ד ו ד:

ער וועט זיכער באַלד קומען. (ער באַטראַכט זי) דיר איז קאַלט?

ע ווּ אַ:

(שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין)

ד ו ד:

וואָס זשע דען?

ע ווּ אַ:

כ׳בין מיד. שווידערלעך מיד!

ד ו ד:

שפּאַר זיך אָן דאָ! (ווייזט אויף דער חורבה־וואַנט)

ע ווּ אַ :

(שוואַך) ניין!

ד ו ד :

נו, פּאַלג זיך! (ער לייגט זי אויס, כמעט מיט כּח, דעקט זי איין) אפשר גאָר דיך פּאַרוויגן? זינגען אַ ליד? (זי לאַכט שטיל) אַזוי האָב איך דיך ליב, האַלבער מילגרוים! אַז דו שמייכלסט מילד! אמת, דאָס טרעפט נישט זייער אָפּט. ס׳רוב ביסטו האַרט, ווי פעלדז און (דעקלאַמירט גוזמהדיק) פּאַרכטיק — ווי מחנות אונטער זייערע פענער! (ער לאַכט) מיר ביידע אָבער ווייסן פון סוד: אין תוך איז חוהלע אַ ווייל מיידל, אַ טײַער קינד — אַ ברכה און הצלחה אויף איר קעפּעלע!.. (ער לאַכט) אגב אורחה, האָסט בלויז איין נאָמען: עוואַ?

ע ווּ אַ :

יאָ. פאַרוואָס?

ד ו ד :

ביסט זיכער, אַז דײַן מאַמעשי האָט דיך קיינמאָל ניט גע־רופן — לאָמיר זאָגן — שולמית?

ע ווּ אַ :

(שמייכלענדיק) פולשטענדיק זיכער.

ד ו ד :

אַ שאָד! ס׳וואָלט דיר גלענצנדיק געפּאַסט! (דעקלאַמירט גוזמהדיק) קער צוריק, קער צוריק, שולמית! (עווּאַ לאַכט שטיל) ווייסט גאָר וואָס? לאָמיר צוזאַמען באַוווּנדערן (און גוזמהדיק) די פּראַכט פון דער נאַטור! אָט, די לבנה אַ שטייגער! רייצנדיק, ניט אמת?! אָדער גאָר — די לופט! (ער שמעקט) פילסט?!

ע ווּ אַ :

(שמייכלט) וואָס אַזוינס דאַרף איך פילן?

ד ו ד :

ס׳איז נאָענט דער האַרבסט! דער גילדענער פוילישער האַרבסט! דאָ גאָר ניט ווײַט, אויפן ראַנד פון אונדזער אָפגעברענטער וועלט, הויבן בוימער אָן זיך אָנצוטאָן אין גאָלד, אָדער באַדעקן זיך מיט פורפור... בלעטער פילקאַ־ליריקע יאָגן זיך אין ווינט און פאַלן שטיל און שטאַרבן פול הכנעה... (און שטילער, פאַרטראַכט) **פונקט אַזוי שטיל און אַזוי הכנעהדיק, ווי מען איז אַמאָל אויסגעגאַנגען אין געטאָ...** (פויזע, און ווידער שמייכלענדיק) **אייגנטלעך, ווי לאַנג שוין, אַז דו האָסט קיין אמתע ביימער ניט געזען?**

ע ו אַ :

דוכט זיך, יאָרן גאַנצע. שוין באַלד פאַרגעסן, ווי ס׳זעט אויס אַ לעבעדיקער בוים.

ד ו ד :

און איך געדענק! כ׳געדענק אַלץ! אפילו די ריחות געדענק איך! קאָנסט זיך קוים פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ זכרון ער האָט, דער נאָז מײַנער! כ׳געדענק, ווי ס׳שמעקט אַ גאָרטן, נאָך אַ רעגן! כ׳געדענק דעם ריח פון סאָסנעס! כ׳געדענק אפילו דעם ריח פון פײַכטער, צעאַקערטער ערד! (ער לאַכט שטיל) **אַ גאַנצן טאָג האָבן זיך געטראָגן איבער די חורבות ווײַסע שפינוועבס־פעדים פון פריי־האַרבסט. דער זומער איז אויס!** (פויזע און, פריידיק) **אָט,** (ער שמעקט) **דער ווינט ברענגט אַ גערוך פון פײַכטע בלעטער!** (ער לאַכט) **נו, וואָס — שוין בעסער, האַ? ווי פילסטו זיך?**

ע ו אַ :

(פאַמעלעך) **ווי אַ בלאַט... וואָס פאַלט אַראָפ פון בוים... אָבער אָן הכנעה...**

ס׳קומט אַריין תנחום, מיט זײַן געווײנלעכן, שוועבנדיקן טראָט; ער גייט, ניט לייגנדיק אויף קיינעם קיין אַכט.

תנחום:

(מורמלט) יידן־יידן, פאַרוואָס ווילט איר ניט שטאַרבן?
יידן־נאַראָנים, יידן־עקשנים...

דוד:

גוטן אָוונט, רב תנחום!

תנחום:

(קוקט זיי אָן אַ ווײַלע) אַ, דאָס זײַנט איר?! גוטן אָוונט, גוט יאָר. כ׳האָב צרות פֿון אײַך, קינדערלעך! גרויסע צרות! די ערגסטע עקשנים זײַנט איר! צײַט צו פֿאַרשליסן די טירן! מיט ביטערקייט אויף דער נשמה, צי אָן ביטער־קייט — אָבער פֿאַרשליסן מוז מען!

דוד:

אונדזער נשמה איז לויטער שירה, רב תנחום!

תנחום:

אוודאי, אָזוי איז בעסער! אָזוי איז גוט! איך גופא, כ׳פלעג אַמאָל זיך אויפרעגן... אַרויסכאַפּן זיך מיט אַ האַרבן וואָרט... טאָקע ניט געטויגט! אַז מען וויכוחט מיט גאָט — דעם גרויסן וויכוח! — דאַרף מען האַלטן קאָפּ!

דוד:

(שמייכלט) מיר אויך, רב תנחום, מיר וויכוחן — דעם גרויסן וויכוח!

תנחום:

אײַלט זיך צו, קינדערלעך! מאַכט עס שנעלער! אמת, איך האַלט זיך בײַ מײַנס: קיין באַשייד זע איך אַלץ ניט! צען ברידער זײַנען מיר געוועזן — און געבליבן איז איינער! קיינער! פאַרוואָס?! ווּו איז פאַרט דער פאַר־וואָס?! אָבער — איך האָב בטחון! ס׳וועט זײַן תחית־המתים!

ד ו ד:

רב תנחום, איר האָט ניט געזען אַמאָל פּאַטרולן זייערע?

ת נ ח ו ם:

נאָך ווי געזען! זיי יאָגן זיך כסדר נאָך מיר! וויפל מאָל שוין, אַט־אָט געכאַפּט. (ער לאַכט) נאַרישקייטן! די בריי־דער העלפן תמיד אַרויס. איך האָב די שליסלען פון די טירן! כ׳אַנטרין צו דער צײַט. אין כאַפּערלעך שפּיל איך מיט זיי! (ער לאַכט) בײַ מיר וועלן זיי ניט אויספירן! נישט ווען זיי וועט זיך וועלן, נאָר ווען איך וועל וועלן! דער לעצטער! און אַליין גיין, מיטן אייגענעם ווילן! גלײַך דערנאָך — תחית־המתים! אַלע, אַלע צען ברידער — אויף יידל־מיטן־פידל און בערל־מיטן־באַס! אָהאָ! (ער לאַכט שטיל, הויבט אָן גיין, פאַרהאַלט זיך) יאָ, אגב, גע־לויבט השם יתברך — נאָך איינער געקומען צום שכל! אַן עקשן ווייניקער — אַ טריט נעענטער צו דער גאולה! כ׳האָב אים נאַר־וואָס געזען.

ע ו אַ:

(פּלוצלינג אומרואיק) ווו, רב תנחום?!

ת נ ח ו ם:

(מיט אַן אומקלאָרע באַוועגונג) דאָרטן! דאָרט הינטן! ליגט אויסגעצויגן, רואיק, צופרידן. כ׳האָב געוואָלט זען די אויגן זײַנע. האָלט ער די אויגן פאַרמאַכט. (פּויזע) פאַרעקשנט זיך ניט, קינדערלעך! לאָזט פאַרשליסן די טירן! (ער גייט לאַנגזאַם אַרויס)

ע ו אַ:

(הויבט זיך אויף, פאַמעלעך, קוקט אָן דודן צודרינגלעך) דוד!

ד ו ד:

(אויסמיידנדיק איר בליק) יאָ? (אַ פּויזע)

ע ו אַ :

(וואַרפט זיך אויף אים, מיט אַן אויסגעשריי) **שמעון איז טויט!**

ד ו ד :

(כאַפּט זי אַן פּאַר די אַקסלען) **ניין! ניין, זאָג איך דיר!** (אַ פּויזע) **ניט שמעון!**

ע ו אַ :

(פּאַמעלעך) **ניט שמעון?!**

ד ו ד :

ניין! איך שווער דיר!

ע ו אַ :

ווער זשע?!

ד ו ד :

יאַן!

ע ו אַ :

יאַן?!

ד ו ד :

יאָ.

ע ו אַ :

(קוקט אים אָן אַ ווײַלע) **יאַן?! פון דער פּוילישער פאָלקס־גוואַרדיע?!**

ד ו ד :

(שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ)

ע ו אַ :

יאַן! (פּויזע) **געווען דאָ מיט קנאַפּע דרײַ וואָכן צוריק... געקומען ספּעציעל פון דער אַנדערער זײַט — דורך די קאַנאַלן...**

ד ו ד :

אונדזער לעצט געווער דאָ געבראַכט...

ע וו אַ :

און די ידיעה, אַז מען גרייט זיך אַרויספירן אונדז פון געטאָ... אַז מען וועט קומען נאָך אונדז... ער האָט פאַר־זיכערט, אַז ער אַליין וועט קומען!

ד ו ד :

יאַן האָט געהאַלטן וואָרט. ער איז אין געטאָ. כ'האָב אים איצט געזען. ער ליגט בײַ אַ קאַנאַל־אַרויסגאַנג.

ע וו אַ :

(שטיל) ביסט זיך נישט טועה?

ד ו ד :

ניין. עטלעכע טעג שוין מסתמא, ווי ער ליגט דאָרט.

ע וו אַ :

(אָן איין וואָרט, לייגט זיך צוריק, דעקט זיך איין)

ד ו ד :

איצט פאַרשטייסטו, פאַרוואָס איך האָב געזאָגט: קיין וועג צוריק, דורך די קאַנאַלן, איז מער פאַר אונדז נישטאָ. (פויזע; ער הויבט אָן פייפן, זייער שטיל, אַ מעלאָדיע; רייסט איבער, פרעגט שמייכלענדיק) קענסט דאָס ליד, עוואַ? (זי ענטפערט ניט; ער פייפט ווייטער שטיל)

ע וו אַ :

(רייסט זיך פלוצלינג אויף און, שאַרף) ווו ליגט יאַן?! כ'וויל גיין זען!

ד ו ד :

צו שפעט איצט. ס'איז ווײַט. מירן גיין מאָרגן. זעץ זיך! (זי זעצט זיך; ציטערט אויף) דעק זיך צו! (זי דעקט זיך איין מיט דודס רעקל; פויזע) זעסט שוין אַליין, חוהלע:

אונדזער אָרט איז דאָ! אָט דאָ! צווישן די חורבות! דאָ דאַרף מען בלײַבן! וואָס לענגער! אַזוי לאַנג ווי נאָר מעג־לעך! ביז דער לעצטער רגע — ווען ס'וועט אויסשלאָגן די צײַט פון געזאַנג! דאַן וועט אונדזער ניגון ווי אַ שוואַלב זיך אויפהויבן אין די הויכן, אַריבערטראָגן זיך איבער אַלע מויערן און זיך פונאַנדערקליגגען ווײַט, אונטער אַלע הימלען... בעת אונדזער אייגענער קול וועט זײַן שוין אויסגעלאָשן... אפשר טאַקע קומען אויף די שענסטע געזאַנגען דווקא פון אַ ווידער־קול, וואָס צעשפרייט זיך אַלץ ברייטער און טיפער...

פון הינטער דער בינע דערטראָגט זיך פּלוצלינג אַ קורצער זאַלפּ פון קוילנוואַרפער.

ע ו אַ:

(הויבט זיך תכף אויף) **דוד!**

ד ו ד:

(קוקט זיך אַרום, שרייט אויס) **פאַרזיכט! דער פּראָזשעקטאָר!**

ביידע פאַלן זיי תיכף אַנידער; דער ליכט־פּאַס פון פּראָזשעקטאָר לויפט אָן, באַוועגט זיך הין־און־צוריק, זוכט איין מאָל, אַ צווייטן מאָל און פאַרשווינדט; פון הינטער דער בינע הערט זיך באַלד אַ שטילער רוף.

ש מ ע ו ן:

(פון הינטער די קוליסן) **עוואַ! דוד! עוואַ!**

ע ו אַ:

דאָס איז שמעון! שמעון רופט! (זי שטעלט זיך אויף. לאָזט זיך לויפן לינקס; דוד נאָך איר; זיי אַנטקעגן קומט אָן שמעון)

ע ו אַ:

(וואַרפט זיך צו אים) **שמעון! שמעון! ביסט פאַרוווּנ־דעט?!**

ש מ ע ו ן :

(רעדט שווער) **ניין.**

ע ו אַ :

אויף דיר האָט מען געשאָסן?!

ש מ ע ו ן :

(ווי פריער) **ניין.** (ער אָטעמט הויך) **האָט איר ניט אַמאָל וואַסער?**

ד ו ד :

(דערלאַנגט אים די פלאַש) **טרינק!**

ש מ ע ו ן :

(נעמט די פלאַש. מיט ציטערדיקע הענט. טרינקט גיריק, רייסט־אָפּ באַלד די פלאַש פון מויל) **אַ דאַנק.** (ער נעמט ווידער די פלאַש, גיט נאָך אַ טרונק) **אַ דאַנק!** (ער גיט צוריק די פלאַש דודן) **מיר האָבן געוועזער!** (ער נעמט אַ־רויס, ווייזט) **אַ רעוואָלווער, פול־געלאָדן! גראַנאַטן! און נאָך עפּעס! דאָרט, הינטער דער וואַנט! נישט געקאָנט דערטראָגן...**

ד ו ד :

(לויפט אַרויס, אָן איין וואָרט; קומט גלייך צוריק, מיט אַ קוילנוואַרפער).

ע ו אַ :

אַ קוילנוואַרפער!

ד ו ד :

און צוויי פולע קוילן־סעריעס!

ש מ ע ו ן :

יאָ...(ער איז קאָנטיק איינגאַנצן דערשעפּט)

ע ו אַ :

(צאַרט) **ווילסט עפּעס, שמעון?! נאָך טרינקען?!**

ש מ ע ו ן :

גאַרניט. בלויז אָפּרוען אַ רגע. (ער זעצט זיך; באַלד באַ־וויזט זיך אַ שמייכל אויף זיין פּנים) כ'ווייס ניט וואָס ס'איז געשען מיט מיר. פּלוצלינג, מיט איין מאָל — אַזוי ווי די פיס אונטערגעשניטן. לעכערלעך! נו, שוין בעסער! (ער שטעלט זיך, אָטעמט טיף) שוין אַריבער! (ער לאַכט, זעצט זיך צוריק) דאָ הינטן אים אָוועקגעלייגט! דעם זעלבן, וואָס שוין עטלעכע נעכט, ווי ער נישטערט אַרום צווישן די חורבות, איינער אַליין. באַוואָפנט ביז איבער די ציין. כ'האָב אים באַמערקט און אָפּגעוואַרט. מיט מיין מעסער! ער האָט געהאַלטן דעם פינגער אויפן צינגל פון קוילנוואַרפער. קוים באַוויזן אַנצודריקן. איין קורצער זאַלפּ.

ד ו ד :

טויט?

ש מ ע ו ן :

וואַרשיינלעך. ווי אַ סנאָפּ געפאַלן. אָן איין קלאַנג.

ד ו ד :

דאָס גאַנצע געווער צוגענומען?

ש מ ע ו ן :

כ'גלויב אַזוי.

ד ו ד :

האָסט אים גוט באַזוכט?

ש מ ע ו ן :

(הויבט אָן ספקן) איילִיק. וויפל איז דער זייגער?

ד ו ד :

האַלב פינף.

ע ז אַ :

ער ליגט ווייט ?

ש מ ע ו ן :

דערנעבן.

ד ו ד :

קומט ! (זיי גייען שנעל אַרויס, אַלע דריי)

ס׳ווערן באַלויכטן, פּאַמעלעך, די חורבות פון רעכטס און לינקס; דער ערשטער און צווייטער ייד זיצן אין זייערע באַהעלטעניש און קוקן אַרויס אין דער פינצטער.

ע ר ש ט ע ר :

ער האָט געזאָגט : האַלב פינף...

צ ו יי ט ע ר :

(ווי אַן עכאָ) האַלב פינף...

ע ר ש ט ע ר :

איז נאָך פרי ?!

צ ו יי ט ע ר :

איז שוין שפּעט ?!

ע ר ש ט ע ר :

וואָס פאַראַ חילוק ?! אבי ס׳איז נאַכט !

צ ו יי ט ע ר :

ס׳איז גוט ווען די נאַכט הילט אונדז אײַן !

ע ר ש ט ע ר :

די פינצטערניש, ווי אַ מאַמע, באַשירעמט און באַשיצט.

צ ו יי ט ע ר :

ליכט איז טויט ! טאָג איז טויט !

ע ר ש ט ע ר :

אונדזער איינציק ליכט איז — פינצטערניש פון נאַכט!

פון לינקס קומען אריין שמעון, עווא און דוד.

ש מ ע ו ן :

לאָמיר קודם צעטיילן דאָס געווער! דעם קוילנוואַרפער, אויב איר דערלויבט, האַלט איך פאַר מיר. (און מיט אַ שמייכל) דאָס איז מײַן זאַק־רויב! פאַר דיר דעם רע־רעוואָלווער, דוד! (גיט אים) עווא, די גראַנאַטן! (ער גיט איר) צום באַדויערן, איז עס אַלץ.

ד ו ד :

(שמייכלט) גאָרניט שלעכט אַזוי אויך!

ע וו אַ :

(שטיל) כ׳בין ניט זיכער, צי כ׳וועל קאָנען שלײַדערן די גראַנאַטן, ווי ס׳באַדאַרף צו זײַן.

ש מ ע ו ן :

(אומרואיק) וואָס איז דען?! פילסט זיך ניט גוט?!

ע וו אַ :

אַ ביסל מיד.

ד ו ד :

אַ פאָרשלאַג, עווא: נעם דו דעם רעוואָלווער — ביסט אַן אויסגעצייכנטע שיסערין — און מיר גיב די גראַנאַטן. מיין אָרעם, ווי איר ווייסט, איז מעכטיק, ווי בײַ שמשון הגבור.(זיי בייטן זיך, שמייכלענדיק, מיטן געווער)

ש מ ע ו ן :

(צו דודן) הייסט עס, האָסט געפונען יאַן׳ען בײַם קאַנאַל־אַרויסגאַנג?

ד ו ד :

אַ צוויי־דרײַ מעטער פון דער עפענונג. ערשט געהאַט אַ־
רויסגעגאַנגען זיכער. דאָס האָט געקאָנט זײַן בלויז בײַ־
נאַכט. בײַטאָג וואָלט יאַן דעם קאַנאַל ניט פאַרלאָזן.

ש מ ע ו ן :

ער האָט עס דערשאָסן יאַן׳ען! דער זעלבער! שוין עט־
לעכע נעכט, ווי ער האָט אַרומגענישטערט! (ער טראַכט
אַ ווײַלע) ווען האָט עס געקאָנט געשען, לויט דײַן מיינונג?

ד ו ד :

נישט פריער, ווי אייערנעכטן! מיט דרײַ נעכט צוריק
בין איך אַליין דאָרט געווען. דורך דער זעלבער עפענונג
זיך אַראָפּגעלאָזט. אַ גאַנצע נאַכט געזוכט און אַרויס ערב־
באַגינען. קיינער איז אין קאַנאַל די נאַכט ניט געווען.

ש מ ע ו ן :

אייערנעכטן! צוויי טעג! צוויי טעג פאַרלוירן! (ער
קלערט) איינס איז זיכער: אויב יאַן איז געקומען אין
געטאָ, איז עס געווען, כדי אַריבערפירן אונדז אויף יענער
זײַט! אַלץ איז געוויס צוגעגרייט געוואָרן! מען האָט אונדז
אָפּגעוואַרט! חברים האָבן אויף אונדז געוואַרט! אפשר
וואַרטן זיי נאָך איצט אויף אונדז! ס׳קאָן זײַן, אין דער
איצטיקער רגע, ערגעץ־ווו אין שטאָט, בײַ אַן אַרויסגאַנג פון
די קאַנאַלן — וואַרט מען אויף אונדז! אָבער — ווו?!
בײַ וועלכן אַרויסגאַנג?! (פּויזע) יאַן האָט גאָרניט גע־
האַט בײַ זיך — אַ בריוו, אַ פּלאַן?

ד ו ד :

ניין. כ׳האָב אויך געקלערט דערוועגן.

ש מ ע ו ן :

(מיט שנאה) דאָס האָט ער — ער! —דערהרגעט יאַן׳ען!
(אַ פּויזע) וואָס טוט מען?! (אַ פּויזע) וואָס טוען מיר?!
(אַ פּויזע) מיר האָבן ניט קיין רעכט צו רעזיגנירן! איצט

נאָך וויניקער, ווי פריער! (פויזע) מען קאָן זיך דורכ־קריגן! מען מוז זיך דורכקריגן! דורכן בית־עולם קריגט מען זיך אַרויס, כ'בין זיכער! (פויזע) וויפל איז דער זייגער?

ד ו ד:

פינף און צוואַנציק פאַר פינף.

ש מ ע ו ן:

(טראַכט אויפן קול) אויב מען זאָל גיין שנעל, קאָן מען זיך דערקלייבן צום בית־עולם נאָך איידער ס'וועט ווערן טאָג.

ד ו ד:

ס'איז דאָך נישט בלויז דאָס דורכשלײַכן זיך! און דער־נאָך?!

ש מ ע ו ן:

(שאַרף) אָבער מען וואַרט דאָך אויף אונדז! חברים וואַרטן! (אַ פויזע און שטילער) יעדנפאַלס, מיר האָבן אַדרעסן! (און נאָך שטילער) און בעיקר, מיר פאַרמאָגן איצט געווער, אויף דורכרײַסן זיך!

ד ו ד:

געווער?!

ע ו אַ:

(שרייט אויס) פאַרזיכט!

זיי פאַלן אַלע דריי אַנידער; דער ליכט־פּאַס פון פּראָ־זשעקטאָר קרייזט דורך די בינע און פאַרשווינדט; זיי שטעלן זיך אויף.

ש מ ע ו ן:

(צו דודן) ביסט געגעכט! מיר האָבן נישט גענוג געווער! און פון דעסטוועגן — דאַרף מען זיך דורכרײַסן! מען מוז! פאַר יעדן פּרײַז! כ'בין זיכער, מען וואַרט אונדז אָפּ אויף יענער זײַט! אפשר קיינמאָל מער וועט אַזאַ

געלעגנהייט נישט אונטערקומען! מען מוז פּרוּוון! מען מוז ריזיקירן! (פּויזע) נו, וואָס?! (זיי שווייגן) וואָס טראַכט איר וועגן דעם? (פּויזע) דוד!

דוד:

(פּאַמעלעך) אויב דו ווילסט... איר קאָנט פּרוּוון...

שמעון:

איר קאָנט?! ווילסט זאָגן — מיר קאָנען?!

דוד:

ניין. איך זאָג קלאָר — איר קאָנט.

שמעון:

און דו?!

דוד:

(שטיל) איך בלײַב.

שמעון:

וואָס?!

דוד:

יאָ, איך בלײַב.

שמעון:

ווײַל יאַן איז געפאַלן?!

דוד:

ניין. אפילו ווען יאַן וואָלט געווען מיט אונדז און פאַרן האַנט געפירט אַהין, אויף יענער זײַט מויער — וואָלט איך געבליבן דאָ.

שמעון:

(אויפגערעגט) הייסט עס, דו טאַדלסט, דו פאַראורטיילסט די חברים, וואָס האָבן באַוויזן צו פאַרלאָזן דעם געטאָ, דורך די קאַנאַלן, נאָך די ערשטע דרײַ וואָכן קאַמף?!

ד ו ד:

חלילה! איך באַרעכטיק זיי. ס׳זײַנען נויטיק געווען שלוחים, עדות!

ש מ ע ו ן:

זיי זעצן פאַר דעם קאַמף! אין די וועלדער!

ד ו ד:

ריכטיק! און גוט! אָבער וואָס קאָנען מיר שוין אויפטאָן מער — און גרעסערס — פון דעם, וואָס מיר האָבן אויפ־געטאָן און וואָס עס בלײַבט אונדז צו דערפירן ביזן סוף, אָט־דאָ גופא?!

ש מ ע ו ן:

דערפירן ביזן סוף! דאָס איז איצט, פאַר דיר, דער גאַנ־צער זין פון אונדזער לעבן!

ד ו ד:

(פּאַמעלעך) נישטאָ מער וואָס צו זאָרגן וועגן זין פון אונ־דזער לעבן, שמעון! ער איז אויסגעקריצט אויף אייביק, אויסגעברענט — אויף אָט די שטיינער! דאָס אײנציקע, וואָס קומט אין חשבון, איז דער זין פון אונדזער טויט.

ש מ ע ו ן:

(שאַרף) רעדסט ניט ווי אַ שלאַכטמאַן!

ד ו ד:

איך רייד, ווי אַן אויפשטענדלער פון געטאָ.

ש מ ע ו ן:

מיר זײַנען זעלנער!

ד ו ד:

ניין! מיר זײַנען עס קיינמאָל ניט געווען! אַ זעל־נער האָט גלײַכע שאַנסן אויף לעבן און טויט. און אויב אפילו אומגלײַכע, איז די אומגלײַכקייט גופא אַ

מענטשלעכע. אויב ניט איינער קעגן איינעם, איז איינער קעגן צען. קעמפט אָבער אַ זעלנער איינער קעגן טויזנט?! איינער קעגן צען טויזנט?! לאָזט זיך דען אַ זעלנער אין שלאַכט מיט ליידיקע הענט, מיט אַ נאַקעטער ברוסט, ווען אַלץ איז פאַרלוירן, אפילו זײַן אייגן לעבן, ווען ס'בלײַבט מער גאָרניט צו פאַרטיידיקן — נישט קיין ערד, נישט קיין היים, נישט קיין פרוי, נישט קיין קינד, נישט קיין האָב־און־גוטס, ווען פון אַלץ איז געבליבן בלויז חורבות, בלויז אַש, בלויז אומגליק?! איז ערגעץ־ווו פאַראַן אַזאַ זעלנער?!

שמעון:

ער איז פאַראַן! דאָ אין געטאָ!

דוד:

אַן ענטפער איז עס געווען! דער ערשטער אויסגעשריי — אין דער אימהדיקער שטילקייט פון נאַכט! די ערשטע האָבן מיר דעם קאָפּ געהויבן! ווען אַלע אַנדערע זײַנען גע־שטאַנען אויף די קני, אָדער געבויגן דעם נאַקן, אָדער פאַרמאַכט די אויגן און פאַרשטאָפּט זיך די אויערן, אָדער גאָר געשטרעקט זייער האַנט צו דער האַנט פון רוצח! די ערשטע! (פויזע) זאָל זײַן, ס'איז דערפאַר, ווײַל מ'האָט אונדז פאַרוואַנדלט אין — די לעצטע?! מעגלעך. אָבער די נאַכט האָט דאָך אײַנגעהילט נישט אונדז בלויז אַליין! די שטילקייט און אימה, ווי אַ האַק, איז געפאַלן אויף אַלעמען! אויף אַלע די, פאַר וועמען דאָס לעבן איז גאָרניט — אַן דער צײַט פון געזאַנג! וואָס זײַנען מיר דען אויסן געווען?! באַווײַזן אַז יידן קאָנען שטאַרבן?! נישט גענוג נאָך באַוויזן עס, במשך פון דורות?! רחמנות! ווער דאַרף זייער רחמנות?! אויף זיך אַליין זאָלן זיי גלײַכער רחמנות האָבן — פאַר דעם, וואָס זיי האָבן געטאָן און אויך פאַר דעם, וואָס זיי האָבן נישט געטאָן! אַן ענטפער, אַן אויסגעשריי אין דער נאַכט! אין נאָמען פון אַלעמען! פאַר אַלעמען! פאַר דער צײַט פון געזאַנג — דער אמתער! ווײַל איר

געדענקט: (זיין קול ציטערט, ער רעדט שטיל) **וואָרום זע, דער ווינטער איז אַריבער... דער רעגן איז פאַרגאַנגען, אַוועק... די בלומען האָבן זיך באַוויזן אין לאַנד... די צייט פון געזאַנג איז געקומען...**

ש מ ע ו ן:

(רייסט אים איבער שמייכלענדיק) **אַלץ דיין שיר־השירים, דוד?**

ד ו ד:

(שטיל) **אונדזער שיר־השירים! ווער ווייסט, דאָס וואָס מיר האָבן לעצטנס איבערגעלעבט, איז אפשר דער שיר־השירים פון אונדזערע טעג.**

ע ו אַ:

(זייער שטיל) **ווי שפּעט איז איצט?**

ד ו ד:

(קוקט אויפן זייגער) **צוואַנציק פאַר פינף. דאָ קאָנען מיר יעדנפאַלס ניט בלייבן. זיי האָבן געהערט דעם קוילנוואַרפער. באַלד וועט זיין אַ פּאַטרול.**

ש מ ע ו ן:

קומט! מיר וועלן באַשליסן אויפן וועג. עוואַ... (ער נעמט זי' אָן פאַר אַ האַנט) **קאָנסט גיין?**

ע ו אַ:

(שמייכלט) **נאַטירלעך!** (זיי הויבן אָן גיין אַלע דריי אויף רעכטס).

ש מ ע ו ן:

(שטעלט זיך פּלוצלינג אָפּ) **איין ווײַלע!** (זיי פאַרהאַלטן זיך) **ס'איז מיר עפּעס איינגעפאַלן.** (ער קלערט, צעשמייכלט זיך) **און אפשר זאָלן מ י ר גאָר זיי אָפּוואַרטן?!**

ד ו ד:

וועמען?!

ש מ ע ו ן :

דעם פּאַטרול זייערן.

ע וו אַ :

ווו ?!..

ש מ ע ו ן :

טאַקע דאָ. אָט, הינטער די חורבות, פון יענער זײַט. (ווייזט אויף די קוליסן) שוין העכער צוויי וואָכן, ווי מיר האָבן אויסגעשאָסן אונדזער לעצטע קויל. זיי ווייסן עס. מיר פאַרטיידיקן זיך לעצטנס בלויז מיט קאַלט געווער. פילן זיי זיך זיכער און שפּאַצירן אַרום, ווי בײַ זיך אין דער היים. אָבער (ער טראַכט אַ ווײַלע) שטעלט זיך פאָר: מיר באַפאַלן זיי גלײַך איצט, איידער נאָך זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז מיר האָבן אַ קוילנוואַרפער... ס׳וואָלט געווען פאַר זיי אַ קליינינקע איבעראַשונג, וואָס?!

ד ו ד :

(שמייכלט) ניט שלעכט, דער איינפאַל!

ש מ ע ו ן :

אַ פּאַטרול וועט דאָ זיכער קומען. וועגן דעם איז קיין ספק ניטאָ. צוויי אָדער דריי מאַן. אים דאָרט (ווייזט אויף די קוליסן) וועלן מיר אַוועקלייגן צווישן די אָפענע ווענט פון אַ חורבה, האַרט בײַם וועג. זיי וועלן אים נאַטירלעך גלײַך באַמערקן, וועלן צוגיין צו אים... און דאַן, מיר — פון דרײַ זײַטן...

ע וו אַ :

(אויפגעלעבט) ווונדערבאַר!

ש מ ע ו ן :

איך, מיטן קוילנוואַרפער — אינמיטן! דוד, מיט די גראַנאַטן — פון רעכטס...

עוואַ:

און איך ליִנקס!

דוד:

באמת, ניט שלעכט! מיר קאָנען באַלד האָבן נאָך געווער.

שמעון:

און אויטאָמאַטיש געווער! פאַרשטייסט, וואָס דאָס באַ־טײַט?! לאָמיר גלײַך באַקוקן געגנט די פּאָזיציעס. נישטאָ קיין רגע צו פאַרלירן! עוואַ, דו בלייב דאָ, רו אָפּ אַ ביסל. איך וועל גיין מיט דודן.

עוואַ:

ניין, כ׳וועל גיין מיט אײַך.

שמעון:

נישט צו פיל מיד?

עוואַ:

ס׳מאַכט ניט אויס.

זיי לאָזן זיך גיין אַלע דריי, אויף רעכטס, צו די קוליסן, אָבער פּלוצלינג וואַקסט אויס, ווי פון אונטער דער ערד, אַ מאַן וואָס פאַרשטעלט זיי דעם וועג, דאָס איז הערש, אין אויסערגעוויינלעכער שפּאַנונג.

הערש:

ניין! איר וועט ניט דורכגיין! נישט דאָ! נישט בײַ מיר! ערגעץ אַנדערש גייט! גייט ווו איר ווילט! (ער שרייט כמעט) נישט דאָ!

עוואַ:

(פאַרוואונדערט) פאַרוואָס נישט דאָ?!

דוד:

ווער זענט איר דען?!

הערש:

אַ ייד בין איך! אַ ייד ווי איר! גייט פון דאַנען! דאָ איז נישט אײַער אָרט! כ׳וועל אײַך ניט לאָזן!

עווא:

אַבער פאַרוואָס?!

דוד:

פאַרוואָס וועט איר ניט לאָזן?! וואָס וועט איר ניט לאָזן?!

הערש:

גייט, גייט פון דאַנען! ערגעץ אַנדערש גייט! דער געטאָ איז געגוג גרויס! ס׳פעלט ניט קיין פּלאַץ אין די חור־בות! דאָ איז אַלץ מײַנס! מײַנס!

שמעון:

(וואָס האָט די גאַנצע צייט זיך נישט אָפּגערופן און איז געשטאַנען אַ ביסל אין אַ זייט, גייט צו, לייגט אַרויף אַ האַנט אויף הערשס אַקסל און זאָגט גלאַסן) **רואיקער! שרײַ ניט אַזוי** (און נאָך אַ קורצער פּויזע) **— טאַטע!**

הערש:

(ציטערט אויף, קוקט אַריין אַ לאַנגע ווײַלע שמעון׳ען אין פּנים) **שמעון?!**

שמעון:

(רואיק) **יאָ, טאַטע. שמעון.**

הערש:

(קאָן זיך ניט גלויבן) **דאָ?!**

שמעון:

יאָ, טאַטע. דאָ.

הערש:

(זיין איבעראַשונג איז פאַרביי, ער קוקט אָן טרויעריק שמ־עון׳ען, שאָקלט מיטן קאָפּ) **אוי, שמעון!.. אוי, שמעון!.. ווען דו וואָלסט וויסן!..** (אַ פּויזע און ער לאָזט זיך לויפן פּלוצלינג אויף רעכטס, שרייענדיק) **מלכה, שמעון איז דאָ! שמעון איז דאָ!** (לויפט אַרויס)

ד ו ד :

(צו שמעון׳ען) **דײַן פֿאָטער?**

ע ו אַ :

כ׳האָב אים נישט דערקענט.

ש מ ע ו ן :

(פֿאַמעלעך) **מײַן פֿאָטער.**

ד ו ד :

וואָס וויל ער דען?! וואָס איז ער אויסן?!

ס׳קומט אַרײַן צוריק הערש, מיט אים, כמעט אומ־גערן, מיט אַ שטאַרן בליק, מלכה.

ה ע ר ש :

אָט איז ער! זעסט?! שמעון! אָט איז שמעון!

ש מ ע ו ן :

(גייט איר אַנטקעגן; צאַרט) **מאַמעשי!**

מ ל כ ה :

(שטיל און ווי זי וואָלט אים נישט באַלד דערקענט) **שמעון!**

ש מ ע ו ן :

יאָ, מאַמעשי! איך!

מ ל כ ה :

(כסדר שטאַר, ווי פֿאַרחדושט און שטיל) **דו לעבסט, שמעון?! קאָן מען דען נאָך לעבן?! ווייסט ניט, אַז ס׳איז מער שוין קיינער נישטאָ?!**

ש מ ע ו ן :

(דערשטוינט און אומרואיק, קוקט זי אָן) **מאַמעשי!..**

מ ל כ ה :

וואָס, זון מײַנער?! וואָס?! (ער ענטפערט ניט, קוקט אויף איר כסדר, אַלץ מער דערשטוינט) **קוקסט מיך אָן און שווײַגסט!**

ש מ ע ו ן :

מאַמעשי! (ער וואַקלט זיך, קאָן זיך ניט באַשליסן) **מאַ־מעשי!** (נאָך אַ פויזע און שטיל) **פון ווען איז דײַן קאָפּ אַזוי ווײַס?**

מ ל כ ה :

(קוקט אים אָן שטאַר) **האַ, ווײַס, מײַן קאָפּ?! ווײַס, זאָגסטו?!** (זי טאַפּט ווי אַ בלינדע, איר פּנים און די האָר; וואַרפט זיך פּלוצלינג צו שמעון'ען, נעמט אים אַרום, מיט אַלע כחות, און מיט אַן אומגעווײנלעך הויכן קול) **שמעון, וואָס איז פון אונדז געוואָרן?! וואָס האָט מען פון אונדז געמאַכט?! פאַרוואָס, שמעון?! פאַרוואָס קומט דאָס אונדז?!** (אַ קורצע פויזע און שטילער, ווי נאָכטראַכטנ־דיק) **וואָס האָבן מיר אַזוינס געטאָן?! מיט וואָס האָבן מיר זיך אַזוי פאַרזינדיקט?! כ'וויל פאַרשטיין — כאַפּט מיר ניט מײַן קאָפּ... ענטפער מיר, קינד מײַנס, קלער מיר אויף! פאַרוואָס?! פאַרוואָס?!** (און אין אַ לאַנגן אויס־געשריי) **פאַרוואָס?!**

פ אַ ר ה אַ נ ג פ אַ ל ט ל אַ נ ג ז אַ ם

צווייטער אקט

מוזיק. די בינע ווערט באַלויכטן פּאַמעלעך. דאָס זעלבע אָרט, די זעלבע אָנטיילנעמער, אין די זעלבע פּאָזעס, ווי בעת דער פֿאָרהאַנג איז געפֿאַלן נאָכן ערשטן אַקט.

ה ע ר ש :

(צו מלכהן) **נו, שוין, זאָל זײַן גענוג! וואָס ווילן שוין העלפֿן די טענות?! גענוג מלכה!** (ער רייסט זי אָפּ, כמעט מיט געוואַלד, פֿון שמעון׳ען) **איך דאַרף מיט אים ריידן!** (באַטראַכט, מיט ווידערווילן, עוואַן און דודן) **מיט אים אַליין! איך דאַרף ריידן מיט מײַן זון!**

ע ו א :

(גייט צו, אומדרייסט, צו מלכהן) **גוטן אָוונט אייך! איר דערקענט מיך ניט?!**

מ ל כ ה :

(ווי ניט זעענדיק זי) **דערקענען עמעצן?! ווי קאָן מען דערקענען — אַש?! אַז ס׳איז געבליבן פֿון אַלעמען בלויז אַש!** (קוקט זי אָן אַ ווײַלע, בייט דעם טאָן) **גאָט אין הימל — חוהלע!** (זי נעמט זי אַרום) **וואָס איז געוואָרן פֿון אונדז, קינד מײַנס!**

ה ע ר ש :

הויב ניט ווידער אָן, איך בעט דיך! וויפֿל איז דער זייגער?

ד ו ד :

(קוקט אויפֿן זייגער) **פֿופֿצן צו פֿינף.**

הערש:

(קאַנטראָלירט לויט זיין אייגענעם זייגער) **צוועלף צו פינף!**
(ער קוקט זיי ווידער אָן אַלעמען) **נעמט ניט פאַר אומגוט!**
איך דאַרף ריידן מיט מײַן זון. מיט אים אַליין! (צו
מלכהן) **גיי זיך דורך אַ רגע, דאָ אַרום, מיטן מיידל! פאַר־
גיי ניט ווײַט!** (און צו עוואַן) **לאָזט זי ניט ווײַט פאַרגיין!**

מלכה:

קום, חוהלע!

שמעון:

(צו דודן) **באַטראַכט דאָרט אַלץ! גרייט צו, ווי מיר האָבן
אָפּגערעדט!**

מלכה, עוואַ און דוד גייען אַרויס. רעכטס; מוזיק אויס.

הערש:

**הער זיך צו שמעון! איך דאַרף מיט דיר ריידן! יאָ, איך
מוז מיט דיר ריידן! וואָס געווען, איז געווען! ברוגזן,
קריגערײַען — אַך און ווי!.. אַלץ אָפּגעווישט. אַ תל גע־
וואָרן, איין גרויסער באַרג מיט אַש! האָסט געזען די מאַמע
דײַנע — אויס מענטש געוואָרן נעבעך! אַלע דײַנע שוועס־
טער — פאַרברענט! אַלע פיר — מיט די מאַנען און קינ־
דער!**

שמעון:

ווען?!

הערש:

**גלײַך בײַם אָנהויב פון בראָך. ניט באַוויזן צו ראַטעווען.
די גאַנצע צײַט זיי אויסגעהיט. פאַראַיאָרן בעתן גרויסן
אומגליק, אַרויסגעריסן זיי פון סאַמע אומשלאַג. איצט גאָר־
נישט! גלײַך די ערשטע טעג — אַוועק מיטן בראַנד.** (פויזע)
שמעון, הער זיך צו גוט! דו ווילסט זיך ראַטעווען?!

שמעון:

(רואיק) **ניין! ניין, טאַטע.**

הערש:

(שאָקלט אומעטיק מיטן קאָפּ) **אַלץ דער זעלבער! די זעלבע עקשנות דײַנע! אפילו איצט! ביז דער לעצטער רגע!** (פּויזע) **איך רייד ערנסט, שמעון. באַטראַכט זיך גוט און ענטפער: ווילסט זיך ראַטעווען, צי ניין?!**

שמעון:

(ווי פריער, רואיק) **ניין, טאַטע. איך וויל ניט.**

הערש:

(ברעכט אויס) **זאָל זײַן ניין! ווילסט ניט — איז ניט! טו, ווי דו פאַרשטייסט! טו, וואָס דו ווילסט! האָסט שטענדיק געטאָן, וואָס דו האָסט געוואָלט! דאָס איז געווען די צרה דײַנע! דאָס איז געווען אונדזער גאַנצער אומגליק!** (ער מאַכט אַן אָנשטרענגונג, באַרואיקט זיך) **נו, שוין! נישטאָ דער אַמאָל! אויסגעמעקט! איין גרויסער באַרג אַש! ווילסט זיך ראַטעווען צי נישט — דאָס איז דײַן זאַך! ביסט שוין ניט קיין קינד! אָבער איך וויל! הערסט, וואָס איך זאָג דיר?! איך וויל זיך ראַטעווען!**

שמעון:

ווער שטערט דיר דען?!

הערש:

דו! דו שטערסט!

שמעון:

איך?!

הערש:

דו! דו און דײַנע לײַט!

שמעון:

מיט וואָס?!

הערש:

מיט אַלץ! מיט דעם, וואָס איר זײַנט דאָ! מיט דעם, וואָס איר האָט דאָ דעם דײַטש דערהרגעט! מיט דעם, וואָס איר קלויבט זיך אָנצוהויבן דאָ אַ שיסערײַ! גייט אַוועק פון דאַנען! ברענגט ניט קיין אומגליק אויף מיר! גייט ווו איר ווילט, אַבי נישט דאָ!

שמעון:

אָבער פאַרוואָס?! פאַרוואָס נישט דאָ?!

הערש:

טרויסט מיר ניט אויפן וואָרט?!

שמעון:

כ׳געטרוי. אָבער דו מוזט מיר אויפקלערן. איך מוז וויסן!

הערש:

(וואַקלט זיך אַ ווײַלע) שמעון, מיר האָבן ניט געשטימט צווישן זיך, ס׳איז אמת. אָבער פאָרט — ביסטו מײַן קינד, מײַן בלוט־און־פלייש! קיין סודות פאַר דיר דאַרף איך ניט האָבן. (פויזע) דערקענסט ניט, ווו מיר געפינען זיך?!

שמעון:

(קוקט זיך אַרום) ניין... כ׳דערקען ניט...

הערש:

אָט דאָרט (ווײַזט אויף דער חורבה, רעכטס) האָבן מיר געוווינט די לעצטע חדשים פון געטאָ. אמת, ביסט שוין דאַן אין דער היים ניט געוועזן.

שמעון:

ניין.

הערש:

שמעון! (ער ספּקט נאָך אַ ווײַלע) דאָ געפינט זיך מײַן בונקער!

ש מ ע ו ן :

דאָ ?! ווו — דאָ ?!

ה ע ר ש :

אָט־דאָ ! אונטן ! אויפן אָרט ווו מיר שטייען !

ש מ ע ו ן :

דײַנער ?!

ה ע ר ש :

מײַנער ! אַן אייגענער ! ספּעציעל אויפגעבויט ! נישטאָ נאָך אַזאַ איינער אין געטאָ ! שוין דעם פינפטן חודש, ווי מיר געפינען זיך אין אים !

ש מ ע ו ן :

ווער — מיר ?!

ה ע ר ש :

איך, די מאַמע און דער זיידע יעקב !

ש מ ע ו ן :

דער זיידע יעקב לעבט ?!

ה ע ר ש :

יאָ, דאָ אונטן. גייט ניט אַרויס ! די מאַמע אויך ניט ! איך כמעט אויך ניט ! כ׳לאָז ניט ! קיין מוטער־נפש קען ניט דעם סוד ! איך ווייס אַלץ, וואָס אויבן טוט זיך ! איך הער אַלץ ! אָבער ווײַזן זיך — ביין ! אַמאָל קאָן זײַן אַ בייז אויג. אונטן איז אַלץ פאַרגרייט — עסן, טרינקען, אַלץ וואָס נויטיק ביזן סוף פון דער מלחמה. נאָר דערציען ביזן סוף ! מען דאַרף נאָר אים איבערלעבן ! מיר וועלן אים איבער־לעבן, שמעון — הער מײַנע רייד ! ער האָט די מלחמה פאַר־שפּילט ! איך האָב אַ ראַדיאָ אונטן !

ש מ ע ו ן :

אַ ראַדיאָ אפילו ?!

ה ע ר ש :

כ׳האָב דיר געזאָגט: נישטאָ נאָך אַזאַ בונקער! צו אַלע אַנדערע קאָנען זיי זיך דערגראָבן, אַלע אַנדערע קאָנען זיי דערווישן און אויפרייַסן, אָבער נישט דעם!

ש מ ע ו ן :

אויב אַזוי, איז מיט וואָס קאָנען מיר דיר שאַדן?!

ה ע ר ש :

רעדסט נאַרישקייטן! שייך מיט וואָס?! און אויב זיי וועלן אָנהויבן וואַרפן באָמבעס, אָדער שפּרייטן גאַז גיפטיקע?!

ש מ ע ו ן :

איז דער בונקער נישט גענוג טיף?!

ה ע ר ש :

און אַז טיף — איז וואָס?! שטותערייַען! זיכערקייט איז נאָר בייַ גאָט! מיר זייַנען אַלע בייַ גאָט אין האַנט.

ש מ ע ו ן :

(שמייכלט) כ׳זע, ביסט פרום געוואָרן, טאַטע...

ה ע ר ש :

(פלוצלינג שלאַבערדיק און מיד) פרום! משטיינס געזאָגט! ווייל איז דעם, וואָס איז פרום! אָט, דער זיידע יעקב — אים איז גוט! אויב עמעצן מקנא זייַן, בין איך אים מקנא. תמיד רואיק, תמיד צופרידן — אין באַהעלטעניש, אין בונקער, אפילו דאַן, ווען דער חלף איז געלעגן אָט־אָט אויפן האַלדז... (פּויזע) שמעון!

ש מ ע ו ן :

יאָ?

ה ע ר ש :

וואָס חבוט־הקבר איז, ווייסטו?! איך ווייס. די מאַמע דייַנע ווייסט. די ערשטע וואָכן, בעת זיי האָבן אָנגעצונדן די

שרפות און דער גאַנצער געטאָ איז געווען איין בראַנד, איז אונטן, אין בונקער, געוואָרן ניט איבערצוהאַלטן. די בגדים פון זיך אַראָפּגעריסן! די אייגענע הויט וואָלט מען אַראָפּ־געשונדן! געמוזט דעם לופט־רער פֿאַרשטאָפּן, ווײַל ס׳האָט דורך אים געזעצט פלאַם און רויך. מ׳האָט ניט געוווּסט, וואָס פאַר אַ טויט ס׳וועט פריער קומען — פון פֿײַער, צי פון דער־שטיקעניש... יאָ! (פויזע, ער טוט אַ מאַך מיט דער האַנט) אַלץ איז גאָרניט, שמעון! מ׳קאָן אַלץ פאַרטראָגן! אַבי איבערלעבן! אויף צו להכעיס זיי — איבערלעבן! שוין נישט אַזוי דאָס לעבן — וואָס איז ווערט אַזאַ לעבן, משטיינס געזאָגט! דײַן מאַמע נעבעך פלאָגט זיך. ווי קאָן מען נאָך לעבן?! צו וואָס דאַרף מען נאָך לעבן?! אָבער איך זאָג: מען דאַרף! איבערלעבן, הערסט?! דערוואַרטן זיך אויף זײַן מיתה־משונה! ניט לאַנג שוין צו וואַרטן! ווייסט, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט?

שמעון:

כ׳ווייס גאָרניט.

הערש:

זיי קריגן קלעפּ נאָך קלעפּ! ס׳וועט זיי ניט געשענקט ווערן, נשקשה! די רויטע אַרמיי — ווייסט, וווּ עס שטייט איצט די רויטע אַרמיי?!

שמעון:

וווּ?!

הערש:

בײַ אָריאָל! הונדערטער טויזנטער זייערע אויסגעשניטן, קיין שריד ופליט ניט געלאָזט! אָדער אין געפאַנגענשאַפט גענומען! און באַלד רוקט זיך ווידער אָן דער ווינטער! אויספרירן וועלן זיי, ווי די הינט! נאָר דעם ווינטער איבערהאַלטן, דעם לעצטן ווינטער! (פויזע) הער מיך אויס, שמעון! וואָס איז דאָ צו טראַכטן וועגן אַמאָל?! געווען — און נישטאָ מער! אַ מבול פון פײַער האָט אַלץ פאַרצערט, אַלץ פאַרלענדט!

און אפילו נישט ווי אין נחס צײַטן! זייער וועלט — איז געבליבן וועלט! דאָרטן, פון יענער זײַט, איז אַלץ ווי געווען, מענטשן גייען, לייגן זיך, שטייען אויף, פרייען זיך, שלאָפן רואיק... דער בראָך איז בלויז בײַ אונדז! דער מבול האָט בלויז אונדז פאַרשווענקט! און נישטאָ מער קיין נחס תבה! בלויז אַ גרוב אַ פינצטערע — דער בונקער מײַנער! אָבער (ער טראַכט אַ ווײַלע) אַז ס'איז געגוג פאַר דרײַ, וועט זײַן גענוג פאַר פיר. מער ווי דו איינער ביסט אונדז ניט פאַרבליבן. (שמעון שווייגט) הערסט מיך שמעון?!

ש מ ע ו ן :

(שטיל) איך הער...

ה ע ר ש :

אַלץ איז אויס! איין גרויסער באַרג אַש! פון דײַנע לײַט אויך! וויפל זײַנען נאָך פאַרבליבן לעבעדיקע יידן אין געטאָ?! אפשר אַ צענדליק. שוין באַלד ווי עס חזרט רב תנחום נעבעך: צען ברידער זײַנען מיר געווען... אַז אָך און ווײ איז אונדז! איצט איז נאָר איין זאַך, שמעון: ראַטעווען זיך, ווער עס קאָן! נאָר אויסהאַלטן, נאָר איבערלעבן די צרות! זאָל מען זײַן צוזאַמען, שמעון!

ש מ ע ו ן :

(שטיל) ניין.

ה ע ר ש :

פאַרוואָס ניין?! ס'מוז דאָך זײַן אַ פאַרוואָס!

ש מ ע ו ן :

אונדזערע וועגן זײַנען נישט די זעלבע, טאַטע.

ה ע ר ש :

אפילו צום ראַטעווען זיך?!

ש מ ע ו ן :

אויך דאָס ראַטעווען זיך איז נישט דאָס זעלבע.

הערש:

(קאָן זיך מער ניט באַהערשן) שטותערײַען! וואָס פּאַראַ וועגן האָסטו הײַנט — יאָ די זעלבע, בישט די זעלבע?! ווו בכלל האָסטו וועגן?! אין אַ ברענענדיקן מדבר שטייען מיר! הויל, אדם־נאַקעט! איינס איז דאָ געבליבן: מי לחיים ומי למות — לעבן אָדער שטאַרבן!

שמעון:

(שטיל) ניין, טאַטע. אפילו הײַנט — און דווקא הײַנט, דווקא דאָ, אין מדבר, איז נאָך אַלץ דער עיקר: ווי אַזוי לחיים און ווי אַזוי למות — ווי צו לעבן און ווי צו שטאַרבן!

הערש:

(טוט אַ מאַך מיט דער האַנט) פּוסטע רייד! דײַנע שטענדיקע פּוסטע ריידערײַען! (פּויזע) שמעון... כ'האָב דיר געזאָגט: אַז ס'וועט זײַן פּאַר דרײַ, וועט זײַן פּאַר פיר. אָבער — אויב ס'קאָן זײַן פּאַר פיר... פאַרשטייסט, וואָס איך מיין?! (שמעון שווייגט) דאָס מיידל, וואָס איז מיט דיר געשטאַנען, איז ניט אַמאָל אונדזער שכנס טאָכטער?

שמעון:

יאָ. דאָס איז זי.

הערש:

חוה?!

שמעון:

יאָ.

הערש:

זי קער זיך עפּעס אָן מיט דיר?! (שמעון שווייגט) האָסט מיט איר חתונה געהאַט?!

שמעון:

ניין.

ה ע ר ש :

אַ כלה?

ש מ ע ו ן :

יאָ, אַ כלה.

ה ע ר ש :

נו, אַלץ איינס. הײַנטיקע צײַטן איז אַ כלה, ווי אַ ווײַב. אַז ס'וועט זײַן פּאָר פיר, וועט זײַן פּאָר פינף. פּאַרפאַלן!

ש מ ע ו ן :

(שטיל) ניין, טאַטע.

ה ע ר ש :

אַלץ ניין?! דער זעלבער געברענטער עקשן! וואָס זאָגסטו ניין פּאַרן מיידל?! האָסט בײַ איר געפרעגט?!

ש מ ע ו ן :

כ'דאַרף ניט פרעגן.

ה ע ר ש :

און איך זאָג, אַז מען דאַרף! און מ'דאַרף זען צוערשט דעם בונקער אויך! קום, כ'וועל דיר ווײַזן!

ש מ ע ו ן :

נישט נויטיק, טאַטע!

ה ע ר ש :

קום! ווילסט ניט זען דעם זיידן?!

ש מ ע ו ן :

דעם זיידן וויל איך זען, אָבער ס'ווערט שפּעט. וויפל איז דער זייגער?

ה ע ר ש :

(גיט אַ קוק) פינף.

שמעון:

שוין ניט ווײַט צו טאָג.

הערש:

קום! (זיי גייען ביידע אַרויס)

ס׳ווערן באַלויכטן די חורבות פון רעכטס און לינקס; דער ערשטער און צווייטער ייד זיצן אין זייערע באַ־העלטעניש.

ערשטער:

דער הימל ווערט בלאַסער...

צווייטער:

ס׳לעשט זיך אויס דער מאָרגנשטערן...

ערשטער:

אַ בלייכע ליכט נעמט זיך שפרייטן אַרום...

צווייטער:

אָ, ווי פאַרהאַלט מען די נאַכט!

ערשטער:

פאַר וועמען די זון איז אַן אָנזאָג פון לעבן...

צווייטער:

פאַר אונדז — אַ שליח פון טויט!

עס שלייכט אַריין מלכה; זי קוקט זיך פאַרזיכטיק אַרום, גייט פון איין בערגל ציגל צו אַ צווייטן, בויגט זיך צו, זוכט עפּעס, פאַלט־צו צו אַ בערגל רעכטס.

מלכה:

(שטיל) אָט איז די היים! אַלץ, וואָס פאַרבליבן! ניט קיין שטיין אויף אַ שטיין!

צווייטער:

רויטע ציגל אַ באַרג...

ע ר ש ט ע ר :

און פֿאַרשרפֿעטער קויל...

מ ל כ ה :

(צו די ייִדן) דאָס זײַנט איר, וואָס איר רעדט אין דער נאַכט? איך קען אײַך. איך הער בײַנאַכט אײַער קול. (צום ערשטן ייִדן) דאָס זײַנט איר?

ע ר ש ט ע ר :

דאָס בין איך.

מ ל כ ה :

(צום צווייטן ייִדן) און איר אויך?

צ ו וי ט ע ר :

יאָ. איך.

מ ל כ ה :

איך קען אײַך ביידן. אונטן, אין בונקער, איז שטענדיקע נאַכט. דאָ איז טאָג אַמאָל?

ע ר ש ט ע ר :

דאָ איז טויט.

מ ל כ ה :

אויך אין בונקער איז טויט. זיי זײַנען תמיד מיט מיר. און זיי זײַנען טויט. פֿיר קרוינען פֿון קאָפּ מיר פֿאַרברענט. פֿיר טעכטער. מיט מאַנען און קינדער. צו וואָס נאָך — לעבן?!

צ ו וי ט ע ר :

צי לעבן מיר דען?!

ע ר ש ט ע ר :

איז עס — לעבן?!

מ ל כ ה :

(האָט עפּעס אויפֿגעהויבן פֿון די ציגל) אָט אַ זכר! אַ

צעבראָכענער כוס! איר זעט?! פון אַ לעבן אַ גאַנצן — איין שערבל! כשר לפסח! אַ סדר־נאַכט פאַר אונדז, איין גרויסע, לאַנגע סדר־נאַכט! (זי שרייט) **כל דכפין — ווער עס וויל, קאַן אַרײַן מיט אַ מעסער, ווער עס וויל, קאַן אַרײַן מיט אַ האַק! ווער עס וויל — קאַן קוילענען, קאַן ברענען לעבעדיקערהייט! כל דכפין! אַ וועלט קוקט צו און שווײַגט!** (פויזע) **און גאָט?! אַבער גאָט?!**

ע ר ש ט ע ר :

אַש!..

צ ו ו י י ט ע ר :

אונטער ציגל!..

ע ר ש ט ע ר :

און ווינט!..

מ ל כ ה :

יידן, ווי קאָן מען נאָך לעבן?!

ס'לויפט אַריין, אומרואיק, הערש, נאָך אים שמעון און יעקב.

ה ע ר ש :

ווו ביסטו אַהינגעקומען, מלכה?! מיר האָבן דיך געזוכט!

מ ל כ ה :

(ווי ניט באַמערקנדיק זיי, חזרט איבער, שטילער) **ווי קאָן מען נאָך לעבן?!**

י ע ק ב :

(שטיל) **זינדיק ניט, טאָכטער! מען טאָר ניט זינדיקן מיט די רייד!**

מ ל כ ה :

(פלוצלינג ווי אויסגעלאָשן) **יאָ, טאַטע... יאָ** (זעצט זיך אויף די שטיינער)

יעקב:

(קוקט זיך אַרום) שוין לאַנג די ליכטיקע שטערן ניט געזען! זאָגט זיך, וואָס איר ווילט — דער רבונו של עולם האָט באַשאַפן אַ שיין וועלטל, אַ נחתדיק וועלטל!

עווא:

(קומט אַריין, לויפט־צו, צו מלכהן) זײַט מיר מוחל, וואָס כ׳בין אַוועק אַזוי! ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן — עמעץ באַוועגט זיך דערנעבן...

מלכה:

ס׳מאַכט ניט! ס׳מאַכט ניט, חוהלע!

יעקב:

(האָט באַמערקט עוואַן) מלכה, ווער איז דאָס מיידל?

מלכה:

אונדזער שכן, רב אברהם׳ען געדענקסטו, טאַטע? זײַן טאָכטער.

יעקב:

רב אברהם?! אוודאי, ווי דען?! אין איין שטיבל מיט אים געדאַוונט. אַן ערלעכער ייד געווען, דײַן טאַטע עליו־השלום, טאָכטער! אַן ערלעכער ייד! (און צו שמעון׳ען, שמייכלענדיק) ס׳ווײַזט מיר אויס, דאָס מיידל איז פון דײַן חדר, שמעון?

שמעון:

געטראָפן, זיידע. פון מײַנעם.

יעקב:

די ראיה מײַנע דינט מיר נאָך, ברוך השם!

שמעון:

(שמייכלט) קיין עין־הרע, זיידע!.. קיין עין־הרע!..

יעקב:

(לאַכט) קיין עין־הרע — שייגאַץ!.. (דרייט אים פאָרן אויער) און וואָס שייך די חברה־לײַט דײַנע, שטייט בפי־רוש געשריבן: יעדער בעל־חי לויבט גאָט אויף זײַן אופן...

הערש:

(אומגעדולדיק) שפּעט שוין! נאָך פינף! (צו שמעון'ען) איך גיי אַרײַנשיקן דעם חבר דײַנעם. (צו מלכהן און יעקבן) קומט! (ער גייט מיט זיי אַרויס)

עווא:

זיך גאַרניט געענדערט, דער זיידע דײַנער! פון זינט איך געדענק אים, איז ער שטענדיק דער זעלבער.

שמעון:

ס'זעט אויס, ווי ניִשט דער געטאָ, ניִשט דער בונקער וואָלטן אויף אים קיין שליטה ניט געהאַט.

דוד:

(קומט אַריין) האָסט מיך גערופן, שמעון?

שמעון:

יאָ. (ער טראַכט א ווײַלע) שטיל אַרום?

דוד:

דערווײַלע שטיל. כ'האָב גוט באַטראַכט די חורבה דאָרט. פאַראַן אָרט צו באַהאַלטן זיך הינטער יעדער וואַנט. כ'האָב אים אַהין געשלעפּט, אויסגעלייגט אינמיטן. זיי וועלן אים דערזען פון דער ווײַט.

עווא:

ס'הויבט אָן ליכטיקן.

דוד:

(קוקט אויפן זייגער) פינף מינוט נאָך פינף. באַלד קאָן דאָ זײַן דער פּאַטרול.

ש מ ע ו ן :

קיין שום אַנדער נייס ?

ד ו ד :

ניין.

ש מ ע ו ן :

(שטיל) בײַ מיר — יאָ.

ד ו ד :

האַ ?!

ש מ ע ו ן :

ס׳ווײַזט זיך אַרויס — דאָ איז פֿאַראַן אַ בונקער.

ד ו ד :

ווו — דאָ ?!

ש מ ע ו ן :

אָט דאָ, ווו מיר שטייען. אונטער אונדזערע טריט. איך בין איצט דאָרט געוועזן.

ד ו ד :

אין בונקער ?!

ש מ ע ו ן :

יאָ. דער בעסטער, וואָס כ׳האָב ווען עס איז געזען. וואַסער, באַלײַכטונג, שפּײַז! אפילו אַ ראַדיאָ! (פּויזע) דער בונ־קער געהערט צו מײַן טאַטן.

ד ו ד :

(געשפּאַנט) נו ?!

ש מ ע ו ן :

ער לייגט אונדז פֿאָר — אַרײַנגיין צו אים.

עווא:

אונדז אַלעמען ?!

שמעון:

יאָ. ער האָט, נאַטירלעך, אָנגעהויבן פון מיר אַליין. דערנאָך מסכים געווען אויף דיר און לסוף אויך אויף דודן.

עווא:

(איר קול ציטערט) אַרײַנגעין — ווי אַזוי ?! צו וואָס ?!

שמעון:

פשוט. כדי צו ראַטעווען זיך. כדי איבערצולעבן די מלחמה.

דוד:

(טוט אַ לאַנגן פייף, צעלאַכט זיך) און וואָס האָסטו גע־ענטפערט ?

שמעון:

מײַן תשובה איז ווייניקער וויכטיק. וויכטיק איז דאָס, וואָס מיר וועלן ענטפערן געמיינזאַם. דו, זי און איך — צוזאַמען!

דוד:

(שמייכלט) הייסט עס — אַ זיצונג ?!

שמעון:

אַ זיצונג! (פויזע) ווער בעט אַ וואָרט ?!

עווא:

(אומזיכער) מ׳וואָלט ניט געקאָנט... פאַרוואַנדלען דעם בונ־קער אין... אונדזערס אַ קאַמף־באַזע ?

שמעון:

(שמייכלט אומעטיק) אפשר. אויב מען זאָל מײַן טאַטן צווינגען מיט געווער...

עווא:

דאָרט... דאָרט איז פאַראַן — וואַסער ?!

שמעון:

וואַסער צו טרינקען. וואַסער צו וואַשן זיך. בענק צו זיצן. מאַטראַצן אויסצולייגן זיך. אפילו לײַלעכער. (פּויזע)

דוד:

(מיט אַ שמייכל) אַ־פּראָפּאָ זיצונגען... ס׳פּלעגט אונדז אויס־קומען, אין געטאָ, צו באַהאַנדלען, אויף זייער לאַנגע זיצונ־גען, איין־און־איינציקן פּונקט פון סדר־היום: ווען און ווי אַזוי צו שטאַרבן. די וויכוחים, באמת שפּאַנענדיקע, פּלעגן זיך ציען טעג און נעכט. (ער לאַכט, ווערט ערנסט, קוקט אויפן זייגער) איצט אָבער איז זיבן נאָך פינף. באַלד וועט ווערן טאָג. באַלד קאָנען זיי דאָ זײַן. (ער טראַכט אַ ווײַלע) עוואַ איז מיד, שמעון!

שמעון:

(שטיל) איך ווייס...

עוואַ:

וואָס פאַלט אײַך אײַן!

דוד:

זי איז זייער מיד. אפשר גאָר — קראַנק.

שמעון:

(ווי פריער) איך ווייס...

עוואַ:

וואָס נאָך וועט איר אויסטראַכטן?!

דוד:

דײַן פּלאַן דורכצופירן זיך — באַשטייסט נאָך אַלץ אויף אים?

שמעון:

(טראַכט אַ ווײַלע) מיר מוזן. ס׳איז אונדזער חוב.

ד ו ד :

ווי דו פֿאַרשטייסט! מײַן פֿאָרשלאָג: אָפּלייגן דעם פּרווו אויף אַ טאָג צײַט.

ש מ ע ו ן :

(ווי אָנכאַפּנדיק זיך) וועסטו מיטגיין מיט אונדז?!

ד ו ד :

ניין, דאָס ניט. כ׳האָב דיר געזאָגט. אָבער אָפּרוען אַ טאָג — איז וויכטיק. (און, באַטאָנענדיק) פֿאַר אַלעמען! (פּויזע)

ש מ ע ו ן :

און די פֿאַרשפּעטיקונג?!

ד ו ד :

אַלץ איינס איז שפּעט.

ש מ ע ו ן :

נאָך ניט צו שפּעט אפשר! (ער טראַכט) הייסט עס, לויט דיר — דער בונקער?

ד ו ד :

יאָ. כל זמן מיר בלײַבן צוזאַמען. אַ מעת־לעת, אָדער מער — דאָס וועט מען זען מאָרגן. בײַטאָג אַ גוטע באַהעלטעניש, בײַנאַכט — אָנגרײַפֿן! ס׳איז כמעט דאָס בעסטע, וואָס מיר קאָנען זיך ווינטשן.

ש מ ע ו ן :

(שאָקלט מיטן קאָפּ) כמעט! באמת, כמעט... (ער טראַכט אַ ווײַלע און פֿאַמעלעך) דו האָסט ניט געזען, דוד, די פּריש־אויפֿגעריסענע ווענט פֿונעם בונקער פֿון שטאָב, אויף מילאַ 18. איך — יאָ! מיט די אייגענע אויגן געזען! גלײַך אויף צומאָרגנס. אַ גאַנצן טאָג האָבן די קאַמפֿן ניט אויפֿגעהערט אויף אַ רגע. בײַנאַכט — פּאַטרולן אויף שריט און

טריט. דער געטאָ האָט געברענט ווי אַ ליכט. קוים דורכ־
געקריגן זיך, קוים דערשלאָגן זיך צום שטאָב. געווען שוין
באַגינען. און פּלוצלינג — דער שטאָב?! (ער שווייגט אַ
ווײַלע, ווי דערמאָנענדיק זיך) אַ קאַשמאַר! די ערד צע־
פליקט, אויפגעריסן! אַלע פאַרבאַרגענע אַרײַנגענג —
אָפן! אינעווייניק — דער איבלדיקער ריח פון גאַז. און
אויף דער ערד — די חברים! טויט! עטלעכע האָבן נאָך
געאָטעמט. זיי זײַנען אויסגעגאַנגען אויף מײַנע הענט.
(פּויזע) אויב געטאָ איז תהום, איז בונקער — תהום אי־
נעם תהום!

דוד:

אַמאָל אָבער אויך — דאָס זיכערסטע אָרט אויף צוגרייטן
דעם קאַמף!

שמעון:

אַמאָל... מעגלעך! אַ מאָל יאָ און אַ מאָל נישט. איז וואָס
זשע אויב — נישט?! און ווער מאַכט דעם אויסוואַל?!
ווער באַשטימט?! ווער איז דער שופט?! דער בלינדער
צופאַל?! דער גורל?! איך האַלט ניט פון שותפות מיטן
גורל!

עווא:

(שטיל) געווען בײַ אונדז אין גרופּע אַ קעמפּערין, אַ יונגע,
קוים זיבעצן יאָר. געפאַלן גלײַך די ערשטע טעג. פלעגט
זי זאָגן: מיר האָבן בײַם גורל אָראָפּגעריסן די פליגל און
אָנגעטאָן זיי אויף אונדזערע אייגענע אָרעמס...

דוד:

אַ ראָמאַנטישע נשמה! (ער צעלאַכט זיך, קוקט אויפן זייי־
גער און, שאַרף) צען נאָך פינף! באַשליסט!

שמעון:

די פליגל פון גורל! (ער שמייכלט אומעטיק) אַלץ האָבן
זיי אײַנגעהילט! אַלץ פאַרדעקט! אונדזער ווײ, אונדזערע

טרערן, אונדזער בלוט! אונדזער געשריי אפילו! איר האָט געזען מײַן זיידן — וואָס איז דען פּײַן?! אַז מען האָט דיך דערנידערט, איז עס דערהויבונג, ווײַל גאָט העלפט דעם, וואָס האַלט נידעריק די אויגן. אָבער מיר — מיר ווילן ניט האַלטן נידעריק די אויגן! נו, און מײַן טאַטע? ער פּרוּווט זוכן אַן אַנדער טרייסט: קיין שום פֿאָלק איז ניט אויסגעשטאַנען אַזוי פֿיל יסורים, ווי מיר, איז ניט אומגעקומען מיט אַזאַ געלייטערטן טויט. דער גרויסער, דער ווּנדערלעכער גורל אונדזערער — אַ לויטערער טויט! און אויך אויף מילא 18 איז געווען — גורל־שפּיל! צוויי אַנטרונענע האָבן דערנאָך דערציילט: אין די לעצטע רגעס, בעת דער בונקער איז שוין פֿול געווען מיט גאַז, האָבן די חברים באַשלאָסן צו באַגיין זעלבסטמאָרד. אין איין אויגנבליק איז דער שטאָב פֿון געטאָ־אויפֿשטאַנד פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַלטע קהילה־קדושה, אַן אַרומגעריגלטע פֿון שונא, וואָס ברעכט זיך אין די מויערן. ווי אין די צײַטן פֿון אוראַלטן קידוש־השם, האָט מען אַליין אַ סוף געמאַכט צום לעבן, כדי נישט באַרירט צו ווערן דורך דער אומרייַנער האַנט פֿון רוצח. ווידער — אונדזער גורל! און נאָך אָנגענומען באהבה, און נאָך געבענטשט אים מיטן אייגענעם בלוט!

ד ו ד :

(רייסט אים איבער, שאַרף) שווײַג, שמעון! האָסט ניט דעם מינדסטן כח־הדמיון! ס'איז כמעט חלול־השם, דײַנע רייד!

ש מ ע ו ן :

חלול־השם?! אדרבא, פֿאַרוואָס?! איינס איז איצטער הייליק, בלויז איינס — דו הערסט?! — דער קאַמף! (ער שרייט כמעט) מער קומט גאָרניט אין באַטראַכט! מער איז גאָרניט פֿאַראַנען! דער קאַמף! (פֿויזע; רואיקער) ווער זײַנען מיר דען?! מיר זײַנען די, וואָס האָבן אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ — פֿון דעם סאַמע טיפֿסטן אָפּגרונט, פֿון דעם סאַמע תהומיקסטן תהום! מיר האָבן אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ

כדי צו זאָגן: ניין — דעם גורל! זאָגן עס מיטן גאַנצן נפש, מיט אַלע אברים, מיטן גאַנצן לײַב־און־לעבן, אָבער — רו־איק, מיט קאַלטער אַנטשלאָסנקייט! נישט מיט יאוש! דעם יאוש האָבן מיר לאַנג שוין געלאָזן הינטער אונדז! מיר זאָגן פשוט: ניין! ניין — אָט דעם אוממענטשלעכן, דעם בלינדן, דעם אומזיניקן גורל! מוז דער ניין זײַן האַרט, ווי פעלדז — אויף אַלץ, אויף אַלעמען, שטענדיק, אומע־טום, ביז דער לעצטער רגע! (פויזע; ער נעמט אָן עוואַס האַנט און, שטיל) זײַ מיר מוחל, עווא. אין בונקער וועל איך נישט גיין.

ד ו ד:

אפילו אויב מיר מאַכן דאָרט אונדזער קאַמף־באַזע?!

ש מ ע ו ן:

אפילו דאַן. ווען איך וואָלט יענע נאַכט געפונען זיך אויף מילא 18 און ס'וואָלט געפאַלן דער באַפעל — וואָלט איך געפאָלגט און גענומען זיך דאָס לעבן, ווי אַלע חברים. אָבער דאָ בין איך קאָמענדאַנט! קאָמענדאַנט פון אונדזער קאַמף־דריילינג — פונעם לעצטן אפשר אין געטאָ! איר האָט מיך באַשטימט, דו און עווא. אויב איר ווילט, קאָנט איר מיך טוישן. קיין זעלבסטמאָרד וועל איך נישט באַגיין! פאַלן אין קאַמף — יאָ! זעלבסטמאָרד — ניין! אויך אויף דעם — ניין!

ד ו ד:

(שטיל) די עפּאָפּייע פון געטאָ איז געענדיקט, שמעון.

ש מ ע ו ן:

די שלאַכט פון געטאָ — מעגלעך! אָבער נישט די מלחמה!

ד ו ד:

מיר געהערן ניט מער צו זיך! מיר זײַנען שוין — לע־גענדע!

שמעון:

ס'זעט אויס כמעט, ווי עפּעס וואָלסטו מורא האָבן לעבן צו בלײַבן!

דוד:

גאָרניט מעשׂה־זעלנער, וואָס?

שמעון:

יאָ'ס קומען אין געטאָ איז אַן אָנזאָג, אַ באַפעל: דורכ־רײַסן זיך צום פראָנט! דערשלאָגן זיך צום וואַלד!

דוד:

אונדזער פראָנט איז נאָך אַלץ דאָ, אויף אָט דער ערד, צווישן אָט די חורבות! יעדע רגע פון אויסדויער איז אַ נײַער נצחון!

שמעון:

נצחון פון שאָטנס!

דוד:

שאָטנס?! מיר וועלן ביזן סוף שוין פאַרבלײַבן — אַן אָפּ־שײַן בלויז! אַן אָפּשײַן פון אַ גרויסן ליכט, וואָס פאַרגייט.

שמעון:

(שאַרף) מיר וועלן זיך דורכרײַסן! אונדזער אָרט איז אומעטום, ווו ס'גייט אַן דער קאַמף! אומעטום ווו ס'איז פאַראַן אַ שלאַכטפעלד! זײַט בײַ זײַט, האַנט ביי האַנט מיט אַלע די, וואָס שלאָגן זיך קעגן שונא!

ס'לויפט פּלוצלינג אַריין הערש און נאָך אים — מלכה און יעקב.

הערש:

זיי גייען! שנעל, אין בונקער!

שמעון:

וויפל?!

ה ע ר ש :

צוויי אָדער דריי! ניט באַמערקט געגנוי. שנעלער!

ש מ ע ו ן :

נאָך ווייט?!

ה ע ר ש :

דאָרט הינטן... האָט רחמנות!

ש מ ע ו ן :

דוד?! (דוד שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ) **עווא?!** (זי שטייט שוין גרייט) **איך הויב אָן!** (ווי איינער, לאָזן זיי זיך לויפן, אַלע דריי אויף לינקס)

ה ע ר ש :

(וואָס האָט זיך געהאַט שוין געפונען אין דער רעכטער זייט בינע, טוט זיך אַ לאָז נאָך זיי) **שמעון! וווהין, שמעון?! דער אַרייַנגאַנג איז...**(שמעון, דוד און עווא זיינען אַרויס־געלאָפן; הערש פאַרשטייט פּלוצלינג, קורטשעט זיך אײַנ־גאַנצן אײַן, ציט פּאַמעלעך זיך צוריק) **אַזוי גאָר?! משו־געים! אָן אַ פּיצל רחמנות!**

מ ל כ ה :

(שטיל) **דער לעצטער!** (זעצט זיך שווער אויף די ציגל)

ה ע ר ש :

(גייט פּאַרזיכטיק, אויף רעכטס, ריידנדיק) **הפקר! אַלץ הפקר! ניט קיין טאַטע, ניט קיין מאַמע! ניט קיין וועלט! גאָרניט!** (ער איז דערגאַנגען צו דער רעכטער זייט בינע און רופט) **מלכה! שווער! אויף וואָס וואַרט איר?! שנעלער!**

מ ל כ ה :

(פּלוצלינג שאַרף) **ניין!**

ה ע ר ש :

(איבערראַשט) **מלכה! וואָס איז מיט דיר, מלכה?! זיי קאָנען**

חלילה אונדז דערווישן! (מלכה, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, שווייגט פאַרעקשנט; הערש וואַרפט זיך צו יעקבן) **שווער! איך בעט אייַך, שווער! זאָגט איר...**

י ע ק ב :

(אַן איין וואָרט, זעצט זיך אויף דער ערד, פאַרמאַכט די אויגן און הויבט אַן מורמלען עפּעס, שאָקלענדיק זיך פאַר־מעלעך)

ה ע ר ש :

וואָס טוט זיך דאָ?! אַ פאַרבלענדעניש! (ער כאַפּט אַן מלכהן פאַר די אַקסלען) **מלכה, ווי גאָט איז דיר ליב!**

מ ל כ ה :

(הויבט אויף דעם קאָפּ, איר פּנים איז ווילד־פאַרקרימט) **ניין! ניין, זאָג איך דיר!**

ה ע ר ש :

(לאָזט זי אָפּ, אַלץ מער נשתומם) **פון זינען אַראָפּ! מענטשן, מענטשן! באַטראַכט זיך! האָט רחמנות!** (ער וואַרפט זיך פון איינעם צום צווייטן)

ת נ ח ו ם :

(קומט אַריין, גייט פּאַמעלעך דורך דער בינע, ניט לייגנ־דיק אויף קיינעם קיין אַכט און, מיט זיין געוויינלעכן ניגון) **יידן־יידן, פאַרוואָס ווילט איר ניט שטאַרבן?! נאַרישע יידן, פאַרוואָס ווילט איר ניט שטאַרבן?!** (ער גייט אַרויס; פּויזע)

פּלוצלינג ברעכט אויס הינטער דער בינע אַ שיסעריי; הערש גיט אַ פאַל צו דער ערד, ציטערט אויפן גאַנצן קערפּער; מלכה זיצט, אַן איין וואָרט; יעקב שאָקלט זיך שטיל, מיט פאַרמאַכטע אויגן, ווי ער וואָלט גאָרניט געהערט; די שיסעריי רייסט זיך איבער אַ ווײַלע, באַ־נייט זיך אויפסניי און שטעלט זיך אָפּ; אַ לאַנגע פּויזע; ס'באַווייזט זיך עווא.

ע ו אַ :

שמעון קומט! קיינער איז ניט פאַרוואונדעט!

ס׳קומען אַריין, פון לינקס, שמעון און דוד; זיי טראָגן אויף זיך קוילנוואַרפערס.

ש מ ע ו ן :

(צו דודן) **גיי קוק אויס דעם וועג. דאָרטן!** (ער ווייזט אויף רעכטס)

ד ו ד :

גוט.

ע ו אַ :

איך וועל פרווון אין דער צווייטער ריכטונג.

ד ו ד :

אָבער פאָרזיכטיק. (דוד גייט אַרויס רעכטס, עווא לינקס)

ש מ ע ו ן :

(גייט־צו צו מלכהן) **מאַמעשי!** (זי הויבט אויף דעם קאָפּ, קוקט אים אָן אַ רגע) **זעסט — ניין געוועזן! צוויי קוילן־וואַרפערס ניין! פריש, ווי פון דער נאָדל אַרויס.** (ער שמייכלט אומעטיק) **נאָך קיינמאָל אַזאַ אוצר ניט פאַרמאָגט! אַלץ איז דורך אויסגעצייכנט!**

ה ע ר ש :

(וואָס האָט זיך אויפגעהויבן, דערנענטערט זיך פּאַמעלעך צו שמעון׳ען) **אויסגעצייכנט, זאָגט ער נאָך! וואָס האָסטו צו אונדז?! וואָס פּאַראַ שלעכטס האָבן עס דיר טאַטע־מאַמע געטאָן?! דעם בונקער פאַר אים געעפנט — פאַר אים און זיינע לייט! ווו האָסטו אַזוינס היינט געזען?! געבעטן זיך רחמים ביי אים: קומט אַריין אין בונקער, אָדער גייט אַ־וועק פון דאַנען! איז ער נישט אַריין און נישט אַוועק! פאַרוואַנדלט דאָס פּלאַץ אין אַ שלאַכטפעלד און זיי צוגע־צויגן אַהער!**

ש מ ע ו ן:

נישט איך האָב דאָס שלאַכטפעלד אויסגעקליבן, טאַטע. מיר האָבן ניט קיין מעגלעכקייט מער אויסצוקלייבן אונדזער שלאַכטפעלד. מיר שלאָגן זיך ווו מיר קאָנען. אומעטום ווו מיר באַגעגענען זיי, אָדער ווו זיי באַפאַלן אונדז. אגב (ער קלערט אַ ווײַלע) פון דאַנען גייען מיר אַוועק.

ה ע ר ש:

ווען?!

ש מ ע ו ן:

אָט שוין, גלײַך.

ה ע ר ש:

וווהין?!

ש מ ע ו ן:

ס'זײַנען נאָך פאַראַן גענוג חורבות אין געטאָ.

ה ע ר ש:

שמעון! שמעון! (דאָס קול ברעכט זיך אים איבער; ער שווייגט אַ ווײַלע) צום לעצטן מאָל בעט איך דיך: האָב רחמנות אויף זיך און אויף אונדז! קום אַרײַן אין בונקער!

ש מ ע ו ן:

ניין! קיינמאָל ניט מער! כ'וויל דיר אָבער דאַנקען, טאַטע. באַדאַנקען אויפריכטיק. כ'ווייס, אַ בונקער אין געטאָ האָט כמעט דאָס ווערט פון אַ מענטשלעכן לעבן. (און מיט אַן אומעטיקן שמייכל) אַזאַ איז יעדנפאַלס געווען דער ווערט ביז גאָר ניט לאַנג.

ה ע ר ש:

(פּלוצלינג, מיט אַנגסט) מלכה! דער אַרײַנגאַנג אין בונקער! האָסט גוט פאַרמאַכט דעם אַרײַנגאַנג?! דו ביסט די לעצטע אַרויס! (מלכה שווייגט; פּויזע) ווײ איז מיר,

דער אַרײַנגאַנג! (ער לאָזט זיך לויפֿן רעכטס און פֿאַר־שווינדט)

מ ל כ ה :

(שטיל) **הייסט עס — געזעגן זיך אַ ווײַלע און אויס?! אַ־וועק, ווי די שוועסטער, פֿאַרשווּנדן?!**

ש מ ע ו ן :

פֿאַרוואָס מאַמעשי?! מיר וועלן זיכער נאָך טרעפֿן זיך!

מ ל כ ה :

(פֿאַמעלעך) **ניין שמעון. הײַנט, אַז מען צעשיידט זיך, איז עס אויף אייביק.**

ש מ ע ו ן :

(מיט אַ שמייכל) **אָט זעסטו דאָך, מאַמעשי! כ׳בין ווידער מיט דיר!**

מ ל כ ה :

מיט מיר! צי ביסטו טאַקע מיט מיר, קינד מײַנס?! (זי הויבט אויף דעם קאָפּ, באַטראַכט אים) **ס׳איז אמת. דו ביסט דאָ. דו ביסט דאָ, מײַן זון.** (פּויזע) **קום נעענטער!** (ער גייט־צו נעענטער, זעצט זיך נעבן איר) **ס׳איז אמת, דו ביסט דאָ.** (פּויזע, זי גלעט פֿאַמעלעך זײַן פּנים) **אוי קינד מײַנס, קינד מײַנס! מײַן האַרץ האָט מער ניט גע־האַפּט! מײַנע אויגן האָבן מער ניט געהאָפֿט און נישט מײַן האַנט און נישט מײַנע פֿינגער! אָבער דו ביסט דאָ, מײַן קינד! איך קאָן דיך אָנקוקן, איך קאָן באַרירן דײַן געזיכט. איך פֿאַרמאַך די אויגן, כדי צו זען אײַך ווי אַמאָל — אַלע פֿינף. ס׳וואָלט אַזוי גוט געווען צו זײַן אינגאַנצן בלינד, דער בליק ווי פֿאַרמויערט אין דעם, וואָס איז פֿאַרגאַנגען!** (פּויזע, זי גלעט אים פֿאַמעלעך, מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, עפֿנט די אויגן, באַטראַכט אים) **ביסט מיד, מײַן קינד, ניט אמת?**

ש מ ע ו ן :

(פלוצלינג מיד, אין אַ געמורמל) **יאָ, מאַמעשי... זייער מיד...**

מ ל כ ה :

אוי, קינד מײַנס, קינד מײַנס! וואָלסט געדאַרפט אָפּרוען אַ ביסל! קום אַרײַן אין בונקער!

ש מ ע ו ן :

(שטיל) **איך קאָן ניט, מאַמעשי! כ׳האָב ניט קיין רעכט אויף רו.**

מ ל כ ה :

און אויף וואָס האָסטו יאָ רעכט, מײַן קינד?

ש מ ע ו ן :

כ׳ווייס ניט, מאַמעשי. קיין שום רעכט, דוכט זיך — בלויז פליכטן.

מ ל כ ה :

און דער טויט, חלילה, איז עס אפשר אויך אַ פליכט?!

ש מ ע ו ן :

פאַלן אין קאַמף הייסט ניט שטאַרבן, מאַמעשי!

מ ל כ ה :

וואָס זשע הייסט עס יאָ, מײַן זון?! (פּויזע) **זעסט, איך ווייס ניט מער, ווי אַזוי מען קאָן לעבן און דו, מײַן קינד, דו ווייסט ניט, ווי פשוט מען שטאַרבט.**

ה ע ר ש :

(קומט אַריין צוריק) **גאָט צו דאַנקען, אַלץ איז כשורה! איך אַליין האָב דעם בונקער פאַרמאַכט.**

ש מ ע ו ן :

(האָט זיך באַהערשט און, מיט אַ שמייכל) **פאַרוואָס טראַכטן וועגן טויט, מאַמעשי?! מיר וועלן בלײַבן לעבן! איר דאָ,**

אין בונקער, וועט אויסוואַרטן ביזן סוף פון דער מלחמה און מיר — מיר וועלן זיך אַרויסרײַסן פון דאַנעט און דערשלאָגן זיך צו די וועלדער. מיר האָבן געווער, ווי נאָך קיינמאָל ניט! דרײַ קוילנוואַרפערס, רעוואָלווערן, גראַנאַטן! (ער טראַכט אַ ווײַלע, שמייכלט אומעטיק) אַמאָל, ווען מיר זײַנען געווען אַ סך קעמפער, האָבן מיר זיך געשלאָגן כמעט מיט ליידיקע הענט. הײַנט, אַז מיר זײַנען געבליבן בלויז דרײַ, האָבן מיר וואָפן פאַר אַ גאַנצן אָפּטייל. אַזוי איז עס שוין! (ער פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע און ווי טרוימענדיק) מען קאָן זיך דורכרײַסן, מאַמעשי! כ'בין זיכער! מיט אַזוי פיל געווער! דורך דער זײַט פון בית־עולם, למשל! כ'האָב אַליין געזען — מען שלײַכט זיך דורך. אָדער דורך — די קאַנאַלן. די געפאַר איז אַ סך קלענער. אפשר גאָר קומט נאָך עמעצער אַהער, אונטן, אויף אונדז אַריבערפירן... (ער טרוימט אַ ווײַלע, אַ צעשמייכלטער און באַלד, שטילער) ווייסט, מאַמעשי, ס'איז געגאַנגען צו אונדז, די טעג, אַ חבר, פון יענער זײַט, כדי אונדז אַרויסצונעמען. איז ער אָבער נישט דערגאַנגען. אין געטאָ שוין, בײַם אַרויסגאַנג פון קאַ־נאַל, געפאַלן פון אַ קויל.

ה ע ר ש:

פון יענער זײַט?! אַ ייד?!

ש מ ע ו ן:

ניין. אַ פּוילישער.

ה ע ר ש:

אײַנגעשטעלט דאָס לעבן, כדי צו ראַטעווען יידן?!

ש מ ע ו ן:

אײַנגעשטעלט דאָס לעבן — און באַצאָלט מיטן לעבן. און ער איז נישט דער איינציקער!

ה ע ר ש:

(פאַרביטערט) נישט דער איינציקער! און וויפל פּוילישע

האָבן עס צוגעהאָלפן מאָרדן יידן?! און וויפל האָבן אַליין, מיט זייערע אייגענע הענט, געטונקט אין אונדזער בלוט?!

ש מ ע ו ן:

(אומעטיק) **אַזעלכע זײַנען אויך געווען... אַ סך געווען...**

י ע ק ב:

(וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן, פאַרטאָן אין זיינע מחשבות) **חלילה, הערש! נישט רעכט צו זײַן אַ גרעסערער מחמיר, ווי כביכול אַליין! די מעשה מיט סדום געדענקסטו? אברהם אבינו האָט זיך געדונגען און דער רבונו של עולם האָט רק נאָכגעלאָזט: זאָל זײַן פופציק צדיקים, זאָל זײַן פערציק, זאָל זײַן דרײַסיק, צוואַנציק, זאָל זײַן שוין צען — אָן עק! איז ווי מיינסטו, ווען אין סדום וואָלט זיך געפונען איין־איינציקער צדיק, אָן אמתער, איז ווי מיינסטו, וואָלט גאָט די שטאָט חרוב געמאַכט?! אסור, הערש! אסור!**

ד ו ד:

(באַווייזט זיך פון רעכטס, רופט) **שמעון!**

ש מ ע ו ן:

יאָ?

ד ו ד:

איין ווײַלע! (שמעון הויבט זיך אויף, גייט־צו צו אים; זיי ריידןביידע שטיל; הערש הערט זיך צו אָנגעשטרענגט)

ש מ ע ו ן:

און אין דער צווייטער זײַט?

ד ו ד:

אָט איז עוואָ.

עוואָ באַווייזט זיך, פון לינקס, זיי גייען שנעל איר אַנטקעגן; זי דערציילט זיי עפּעס אין דער שטיל; פּלוצלינג, אָן איין וואָרט, לויפן זיי אַלע דריי אַרויס.

ה ע ר ש :

(אומרואיק) **איר׳ט געזען?! וואָס זיינען זיי אַזוי אַרויס־געלאָפן?! ווּהין?!**

ת נ ח ו ם :

(קומט אַריין, גייט פּאַמעלעך, ווי ניט באַמערקנדיק קיי־נעם) **אין כּאַפּערלעך!** (ער לאַכט) **אין כּאַפּערלעך — פון אַלע זייטן! ווי שרצים — פון אַלע זייטן מיט איין מאָל!** (ער לאַכט)

ה ע ר ש :

(לויפט־צו צו אים מיט אַנגסט) **ווי! ווער?! וואָס הייסט עס?!**

ת נ ח ו ם :

(כסדר ווי ניט באַמערקנדיק אים) **ווי היישעריקן! אין כּאַפּערלעך — אַרום און אַרום!** (לאַכט)

ה ע ר ש :

(כאַפּט אים אָן פאַר דער האַנט) **ווי גאָט איז דיר ליב, תנ־חום! רייד קלאָרער! וואָס איז דאָרט?! וואָס האָסטו גע־זען?! ענטפער! דו קענסט דאָך מיך! איך בין הערש! דיין אַמאָליקער חבר הערש!**

ת נ ח ו ם :

(קוקט אים אָן אַ ווײַלע אויפמערקזאַם) **איך קען דיך... אוודאי קען איך דיך... דו ביסט מיין חבר אליפז... געקו־מען אַזש פון תימן — צו ברענגען טרייסט דעם אַלטן איוב...**

ה ע ר ש :

תנחום, איך בין ניט אליפז! דו ביסט ניט איוב! און אויב יאָ, בין איך אויך איוב! (און ווייזנדיק אויף מלכהן און יעקבן) **און זי אויך און ער אויך! אַלע זיינען מיר איוב! זאָג מיר, איך בעט דיך: וואָס קומט דאָרט פאָר?! וואָס הייסט עס: אַרום און אַרום?!**

ת נ ח ו ם :

טרייסט מיך ניט, אליפז, חבר מײַנער! נישטאָ פאַר מיר קיין טרייסט! דאָס בייז איז אָן אַן עק און די גרויסע שאלה איז אַלץ ניט פאַרענטפערט! אָבער איך ווייס, ס'וועט זײַן תחית־המתים! דאַרף מען זיך אײַלן! פאַר־שליסן די טירן! (און מיט זיין שטענדיקן רעטשיטאַטיוו) **יידן־יידן! יידן־יידן!** (ער גייט פאַמעלעך אַרויס).

ה ע ר ש :

(קוקט אים נאָך, שאָקלט מיטן קאָפּ) **אַראָפּ נעבעך פון זינען, ווײַ איז אונדז! אַזאַ שיינער ייד געווען! אָבער** (אַלץ מער און מער אומרואיק) **וואָס האָט ער געמיינט: פון אַלע זײַטן?! איר'ט עפּעס פאַרשטאַנען?!**

ס'קומען אַריין שמעון, עוואַ און דוד; הערש לויפט זיי אַנטקעגן.

ה ע ר ש :

וואָס איז?!

ש מ ע ו ן :

(רואיק) **גייט אַלע גלײַך אַרײַן אין בונקער!**

ה ע ר ש :

וואָס איז געשען?!

ש מ ע ו ן :

(נאָך אַ קורצער פּויזע) **מיר זײַנען אַרומגערינגלט.**

ה ע ר ש :

אַרומגערינגלט?! (ער קורטשעט זיך אין גאַנצן איין) **איר גייט מיט אונדז אין בונקער?!**

ש מ ע ו ן :

ביין.

ה ע ר ש :

איז וואָס זשע — וואָס זשע וועט איר טאָן ?!

ד ו ד :

(מיט אַ שמייכל) **דאָס וואָס שטענדיק. מיר וועלן זיך שלאָגן.**

ש מ ע ו ן :

מיר וועלן פּרוּוון זיך דורכרייסן.

ה ע ר ש :

זיי... זיי גייען אַהער ?!

ש מ ע ו ן :

דערווייַלע ניט. זיי האָבן אונדז אַרומגערינגלט און וואַרטן.

ד ו ד :

ס׳האָט זיך אויפגעהויבן אַ נעפּל, רירן זיי זיך ניט פון אָרט. זיי טראַכטן: ווער ווייסט, וויפל פאַלקן ס׳האָבן זיך דאָ אַראָפּגעזעצט פון הימל, איבער דער נאַכט...

ה ע ר ש :

קאָנט איר אפשר דערווייַל — כ׳ווייס ?! — דורך די חור־בות אַנטרינען ? דורך די קעלערן ?!

ש מ ע ו ן :

מעגלעך. (צו דודן) **וויפל איז דער זייגער ?**

ד ו ד :

(גיט אַ קוק) **זיבן־און־צוואַנציק נאָך פינף.**

ע ו אַ :

די זון ! די זון גייט אויף !

ס׳ווערט כסדר העלער, אַלע פאַרקוקן זיך אויפן שטייגנ־דיקן ליכט, וואָס קומט פון האָריזאָנט.

ד ו ד :

(שטיל) **אַ רויטע זון!**

ע ר ש ט ע ר י י ד :

(אַרויסקוקנדיק פון זיין באַהעלטעניש)
דער נעפל, דער גאַנצער ווערט רויט!

צ ו ו י י ט ע ר י י ד :

(דאָס זעלבע, שטילער) **אַ גאָרער רויטער ים!**

מ ל כ ה :

(שטיל) **אונדזער ים! אונדזער בלוט!**

ע ר ש ט ע ר י י ד :

זיי האָבן געזאָגט: ס'וועט באַלד זײַן אַ שלאַכט אויפן ים...

צ ו ו י י ט ע ר :

(שטילער) **ס'וועט זײַן באַלד אַ שלאַכט...**

ה ע ר ש :

(ווילד) **קיין רגע נישט מער דאָ!** (צו מלכהן און צו יעקבן)
קומט! קומט!

מ ל כ ה :

(פלוצלינג שאַרף) **שווײַג!!!**

ה ע ר ש :

(דערשטוינט) **מלכה?!**

ד ו ד :

איך וועל זיך אויפהייבן אַ קוק טאָן, צי מען זעט זיי פון דער הויך. (ער לויפט־צו צו דער וואַנט, קלייבט זיך פלינק אַרויף, קוקט אין אַלע זייטן) **אַלץ אַרום איז אײַנגעטונקט**

אַין נעפּל! (ער קוקט) **אויסטערליש! אַט איז ער רויט געוועזן, אַט ווערט ער ווײַס! ווײַס ווי מילך! דאָס לאַנד פון מילך און האָניק!**

ה ע ר ש :

וואָס רעדט ער? וואָס רעדט ער דאָרט?!

מ ל כ ה :

(ציטערט) **חוהלע! מיר איז קאַלט! קום צו מיר, מײַן קינד!** (עוואַ נעמט זי אַרום, טוליעט זי צו זיך)

ד ו ד :

(פון דער הויך) **איך זע!**

ש מ ע ו ן :

וואָס אַזוינס?!

ד ו ד :

בלויז אין מײַן כח־הדמיון! (ער צעלאַכט זיך) **וואַרט, לאָז מיך צענעמען רעכט די פליגל! די פליגל פון גורל!** (ער לאַכט, צעשפּרייט די הענט, קוקט פאַמעלעך אַרום און אַרום) **איך זע... איך זע... נו, יאָ, געוויס — אַ פעסטונג זע איך! אַט דאָ, טאַקע דאָ, אונטער אונדזערע טריט! מיר שטייען אויפן העכסטן טורעם און וואַכן! וועכטער זײַנען מיר!** (ער שרייט) **וועכטער — וואַכט! די אויגן ברייט צעעפנט! דער שונא איז נאָענט! וועט ער שטורעמען פון רעכטס?!** (ער לייגט צו אַ האַנט צו די אויגן, קוקט אויף רעכטס) **וועט ער קומען פון לינקס?!** (ער קוקט אויף לינקס) **דער נעפּל פון באַגינען האָט אײַנגעהילט די פײַנטלעכע אַר־מייען — אָבער דער שונא איז גרייט! ער האָט זיך פאַר־טײַעט אין טאָל!** (ער שרייט) **וועכטער — וואַכט! באַלד וועט שאַלן דער שופר!** (ער הייבט אויף דעם קוילנוואַר־פער) **אונדזער שופר! באַלד וועלן אין ווינט פון שטורעם זיך צעפלאַטערן די פאָנען!** (ער בייט דעם טאָן און, ווי

פאַרוואונדערט, צו שמעון׳ען און עוואַן) ווו זײַנען די פאַר־נען?!

עוואַ:

(שטיל) **פון קוילן צעפליקט...**

שמעון:

(פאַמעלעך) **און פאַרברענט...**

דוד:

וועלן מיר אַרויס קעגן שונא — אַן אַ פאַן?! (פון דער הויך, זוכט ער, מיטן בליק, צווישן די חורבות)

עוואַ:

(קוקט זיך אַרום) **די געטאָ־מויערן זײַנען ניט ווײַט. כ׳בין זיכער, מען זעט פון יענער זײַט די שפּיצן פון אָט־דער חורבה־וואַנט. ס׳וואָלט געווען וווּנדערבאַר אויפצוהענגען אַ פאַן — ניט אמת, שמעון?**

שמעון:

(פאַרטראַכט) **יאָ... ביסט גערעכט...**

עוואַ:

אַז דער נעפל וועט זיך פונאַנאַנדערגיין, וואָלט די גאַנצע שטאָט דערזען אויפסנײַ: אַ פאַן! ווידער אַ פאַן איבערן געטאָ!

דוד:

(פּלוצלינג אין אַן אויסגעשריי) **געפונען!** (ער שפּרינגט פלינק אַראָפ פון דער וואַנט, לאָזט זיך לויפן רעכטס און פאַרשווינדט)

הערש:

(אומרואיק) **וואָס איז?! וואָס איז געשען?!**

עוואַ:

(צו שמעון׳ען) **סײַ ווי זײַנען מיר אַרומגערינגלט.**

ד ו ד :

(לויפט אַריין צוריק) **זעט!** (ער האַלט אין האַנט אַ שטיק געוואַנט, צעפליקט און האַלב־פאַרברענט)

ע ו אַ :

(באַטראַכט אַ רגע דאָס געוואַנט) **אַ שטיק פון אַ מלבוש? צי אפשר אַ טוך? געווען אַמאָל רויט?**

ד ו ד :

דאָס פייער האָט במילא פון אַלע פאַרבן איינס געמאַכט. ס'וועט זיין אונדזער פאָן! (צו שמעון'ען) **מסכים?**

ש מ ע ו ן :

(שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ)

ד ו ד :

(לויפט־צו צו דער וואַנט, קלייבט זיך שנעל אַרויף, הייבט אָן צופעסטיקן דאָס געוואַנט אויפן העכסטן אָרט פון דער חורבה)

ה ע ר ש :

(קאָן זיך ניט באַהערשן) **וואָס טוט ער?! משוגעים! איך קאָן ניט קוקן! איך קאָן עס ניט צוזען! הערט אויף! הערט אויף, זאָג איך! וואָס טוט איר?! מטורפים! מלכה, שווער — קומט פון דאַנען!** (ער שרייט) **רוצחים!**

מ ל כ ה :

(שטרענג) **שווייג!**

ה ע ר ש :

מלכה?! מלכה?! האָב רחמנות! (פויזע, מוזיק)

ד ו ד :

(אויף דער וואַנט, צובינדנדיק דאָס געוואַנט) **זיי האָבן געזאָגט: דער געטאָ וועט אויסהאַלטן עטלעכע שעה, עטלעכע טעג, עטלעכע וואָכן אַממערסטן! און אָט איז דער פרילינג**

אַריבער! און דער זומער איז אויך שוין פֿאַרבײַ! און דער געטאָ איז דאָ, אַלץ נאָך דאָ! ניט קוקט אויף דער צאָל פֿון די קעמפֿער! ציילט ניט די טויטע און אויך ניט די לעבעדי־קע! דער געטאָ שטאַרבט, אָבער בייגט ניט דעם קאָפּ! ער שטאַרבט, אָבער לאָזט ניט אַרויס פֿון האַנט דאָס געֿ־ווער! ער שטאַרבט, אָבער פֿול מיט האָפֿענונג אין האַרצן!

דער ערשטער און צווייטער ייִד גייען אַרויס פֿון זייַ־ערע באַהעלטענישן — מישן זיך אָבער ניט צונויף מיט די איבעריקע שוישפּילער — און קוקן אַרויף צו דודן, אויף דער וואַנט.

ע ר ש ט ע ר :

זיי האָבן געוואָלט די האָפֿענונג ווי אַ בוים אויסרײַסן...

צ ווי י ט ע ר :

אָבער דער בוים וואַקסט אָפּ און צעגרינט זיך אויפֿסנײַ...

ד ו ד :

שוין! (ער האָט צוגעפּעסטיקט דאָס געוואַנט) **די פֿעס־טונג איז גרייט צום שלאַכט! אויפֿן העכסטן טורעם פֿלאַ־טערט אונדזער פֿאָן!** (ער שפּרינגט לייכט אַראָפּ, שטעלט זיך נעבן שמעון׳ען און עוואַן; זיי קוקן אַרויף אין דער הויך; פּויזע)

ע ו אַ :

(פֿליסטערנדיק) **די פֿאָן!** (אַ קורצע פּויזע; זי ווענדט זיך צום עולם) **אָ, איר! איר אַלע, פֿון הינטער די מויערן! איר אַלע, וואָס לעבט אין אַ וועלט אַזאַ נאָענטער, און אַזאַ אומענדלעך־ווײַטער, אין אַ וועלט אַ גרויסער און ברייַ־טער, אַזאַ הייס באַגערטער און אַזאַ אומדערגרייכבאַרער! געדענקט — אָט די פֿאָן איז אויך אײַערע! אָט די האָפֿע־נונג — דורך טרערן און בלוט, דורך אַש און פּײַן און טויט! — אויך פֿאַר אײַך טראָגן מיר די האָפֿענונג אויס! געדענקט: די פֿאָן פֿון געטאָ איז איין גרויסער אויסגעשרײַ:**

(און זייער הויך) **פֿאַר אונדזער און אײַער פֿרײַהײַט!** (פּויזע; זי הייבט אויף איר קוילנוואַרפֿער צו דער פֿאָן און חזרט איבער, שטילער) **פֿאַר אונדזער און אײַער פֿרײַהײַט!** (פּויזע)

ע ר ש ט ע ר י י ד :

(פֿאַמעלעך) **ווער וועט דערהערן?!**

צ ו ו י י ט ע ר י י ד :

ווער וועט דערהערן?!

ב י י ד ע :

ווער וועט דערהערן אונדזער קול?!

אַלעמענס בליקן זיינען צוגעשמידט צו דער פֿאָן, וואָס פֿלאַטערט שטיל אין פֿרימאָרגן־ליכט; מוזיק.

פֿ אָ ר ה אַ נ ג פֿ אַ ל ט ל אַ נ ג ז אַ ם

דריטער אקט

מוזיק. די בינע ווערט באַלויכטן פּאַמעלעך. דאָס זעלבע אָרט, די זעלבע אָנטיילנעמער, אין די זעלבע פּאָזעס, ווי בעת דער פאָרהאַנג איז געפאַלן נאָכן צווייטן אַקט.

ש מ ע ו ן :

וויפל איז דער זייגער ?

ד ו ד :

פינף און צוואַנציק פאַר זעקס. איך גיי האַלטן וואַך.

ש מ ע ו ן :

פאַרגיי ניט צו ווײַט.

ד ו ד :

(גייט אַרויס רעכטס)

ע ו אַ :

איך גיי אויך, אין דער צווייטער זײַט.

ש מ ע ו ן :

קום באַלד צוריק !

ע ו אַ :

(גייט אַרויס, לינקס)

ה ע ר ש :

(וואָס איז אַרומגעגאַנגען הין־און־צוריק, ווי דול, שטעלט זיך אָפּ, האַרט ביי שמעון׳ען) **דו ביסט שולדיק אין אַלץ ! איר אַלע, יאָ, איר אַלע ! דער גאַנצער אומגליק איז צוליב**

אײַך! נישט צוליב קיין אַנדערע — נאָר צוליב אײַך! אין אַ מלחמה האָט זיך אײַך פאַרגלוסט שפּילן?! גבורה באַווײַזן?! משוגעים! די אמתע גבורה איז נישט צו שטאַרבן — הערסט?! — נאָר דווקא צו לעבן! דאָס האָבן זיי דאָך די מלחמה אײַערע געוואָלט! כּדי לײַכטער אויסצוראָטן אונדז, אַלעמען ביז איינעם! שטיל האָט מען געדאַרפט זיצן! אַלץ אָננעמען ווי אַ שטראָף פון גאָט! אויסקויפן זיך פאַר געלט, ווי לאַנג מען האָט געקאָנט! וואָלט מען איבערגעלעבט!

ש מ ע ו ן :

מען וואָלט? ווער — מען?! דו?! נאָך צען?! נאָך טויזנט?! און די אַנדערע?! אַלע אַנדערע?!

ה ע ר ש :

האָט איר זיי דען געראַטעוועט, די אַלע אַנדערע?! זאָג! זײַנט איר געווען בּיכולת זיי צו ראַטעווען?! האָט איר געטראַכט כאָטש — איין רגע אפילו! — אַז איר וועט קאָנען זיי ראַטעווען?! צוליב אײַך, צוליב אײַער משוגעת, וועט פון קיינעם קיין זכר ניט בלײַבן!

ש מ ע ו ן :

איין שאַנס איז געווען — און איין איינציקער — ניצול צו ווערן: קאַמף!

ה ע ר ש :

און איר האָט אים דעריבער אויפגעצוווּנגען, וואָס?! גענומען פּסקענען צווישן לעבן און טויט?! ווער זײַנט איר עס אַזעלכע?! מיט זיך גופא האָט איר געקאָנט טאָן, וואָס איר האָט געוואָלט! און אפילו דאָס אויך איז ניט זיכער! אָבער ווער האָט אײַך געגעבן דאָס רעכט — ווער?! — צו נעמען אויף אײַער געוויסן פרעמדע לעבנס, זאָל זײַן טויזנטער, זאָל זײַן הונדערטער, זאָל זײַן אפילו איין יידיש לעבן?!

ש מ ע ו ן :

(רואיק) און יידישער כבוד, טאַטע?! מענטשלעכער כבוד?!

ה ע ר ש :

כבוד?! וואָס הייסט כבוד?! פון וועמען ווילסטו כבוד?! אַז עס באַפאַלן דיך וועלף, אין מיטן וואַלד, אַז עס באַדראָט דיך אַ דונער פון הימל, אין מיטן העלן טאָג — וועט עס זײַן אַן אומכבוד, צו אַנטלויפן, צו אויסבאַהאַלטן זיך?! ווייסן דען וועלף וועגן כבוד, ווייסט דען אַ דונער וועגן כבוד?! אויב דו טראַכסט וועגן כבוד, איז עס אַ סימן, אַז זיי, זיי, יענע, זײַנען פאַר דיר — מענטשן! פאַר מיר נישט! פאַר מיר זײַנען עס חיות־רעות — נישט מער! אַז זיי פלעגן זיך אַרײַנרײַסן אין געטאָ, ווי משוגענע הינט, און שלאָגן מכות־רצח און זייען טויט אויף רעכטס און לינקס — וואָס זײַנען דען זיי אויסן געוועזן?! מיר זאָלן זיך אַליין דאָס לעבן נעמען, אָדער נאָר אַ האַנט אויפהייבן קעגן זיי, איין פינגער — כדי אויסצושעכטן אונדז אַלעמען! נישט רירן זיך האָט מען געדאַרפט! זיי אויף צו להכעיס! שטענדיק האָבן מיר אַזוי געפירט זיך! איבערלעבן, נאָר איבערלעבן!

ש מ ע ו ן :

טאַטע, פון אַ מענטשן קאָן, אויך בײַם לעבן נאָך, ווערן אַ וואָרעם. דאַמאָלסט איז שוין ניט שייך — איבערלעבן... ווערים דאַרפן ניט איבערלעבן — זיי לעבן ניט! (קורצע פויזע) נו, מאַמעשי, מיר וועלן זיך געזעגענען! איר דאַרפט אַרײַן אין בונקער.

ה ע ר ש :

יאָ, קומט, קומט! כ׳וויל מער אין זייער גבול ניט שטיין!

ש מ ע ו ן :

(איז צוגעגאַנגען צו מלכהן) זײַ געזונט, מאַמעשי!

מ ל כ ה :

(שטיל) שוין, מײַן זון?!

שמעון:

יאָ, מאַמעשי. שוין.

מלכה:

(ווי פריער) מיט אַלעמען צעשיידט זיך... איצט אויך מיט דיר... וואָס בלײַבט, נאָך אַזוי פיל צעשיידונג?!

הערש:

ס׳בלײַבט די מצוה צו לעבן, מלכה! הערסט?! די מצוה צו לעבן!

שמעון:

זאָל זיך דיר דוכטן, מאַמעשי, מיר צעשיידן זיך אויף אַ וואָך, אַ חודש, צי אַ יאָר. געדענקסט — ווי אַמאָל!

מלכה:

אַמאָל זײַנען געווען כאָטש טרערן, מײַן קינד. הײַנט זײַנען אפילו קיין טרערן נישטאָ.

שמעון:

קוק מיך אָן, מאַמעשי: איך בין באָרוועס און נאַקעט, הונגעריק און דורשטיק, און מיר זײַנען אַרומגערינגלט, און דער טויט לויערט יעדע רגע, אָט גאָר נאָענט. אָבער זעסט, איך טראָג אויף זיך אַ קוילנוואָרפער און כ׳האָב אַ רעוואָלווער און פולע קעשענעס מיט קוילן. און אָט, אין דער פרימאָרגן־ליכט פלאַטערט אונדזער פאָן! דער תהום איז נישטאָ מער! (ער נעמט זי אַרום) וועסט מיר גלויבן, מאַמעשי, כ׳בין לאַנג שוין ניט געווען אַזוי גליקלעך ווי איצט! מיר דוכט, ס׳איז גאָרניט מעגלעך מער גליקלעך צו זײַן! גלויב מיר, טרוי מיר — ס׳איז אמת!

מלכה:

יאָ, שמעון... איך טרוי דיר...

שמעון:

(ער צעשמייכלט זיך) איז אויב אַזוי, קאָן איך דיך בעטן, מאַמעשי, דו זאָלסט מיר שענקען — אַ מתנה אויפֿן וועג?

מלכה:

אַ מתנה, מײַן זון?! וואָס איז מיר דען פֿאַרבליבן?!

שמעון:

שענק מיר אַ שמייכל, מאַמעשי! כ'וועל אים מיטנעמען ווי אַ ברכה — פֿאַר מיר און פֿאַר אונדז אַלעמען! איך ווייס, ס'איז ניט לײַכט, אָבער שטרענג זיך אָן און גיב אַ שמייכל אויף זײַ־געזונט.

מלכה:

יאָ, מײַן קינד... יאָ... זעסט?! יאָ... (זי פּרוּווט שמייכלען: איר פּנים קרימט זיך אויס, ווערט אַ מין טראַגישע מאַסקע) ווי זאָגסטו: אַ שמייכל אויף זײַ־געזונט.. (און מיט אַ ציטער אין קול) זײַ געזונט, מײַן זון!

שמעון:

זײַ געזונט, מאַמעשי! (זיי בלייבן אַ ווײַלע אַרומגענומען, אָן איין וואָרט) נו, גענוג!

מלכה:

(רייסט זיך אָפּ פֿון אים) יאָ... (בלייבט שטיין אומבאַוועגלעך).

שמעון:

טאַטע!

הערש:

(דערנענטערט זיך צו אים) זײַ געזונט, שמעון! האָב ניט קיין פֿאַראיבל! ווער פֿון אונדז ס'איז גערעכט, קאָן משפּטן בלויז איין גאָט אין הימל.

שמעון:

זײַ געזונט, טאַטע! כ׳בין זיכער, מיר האָבן דײַן בונקער קיין שאָדן ניט געבראַכט.

הערש מאַכט אַן אומדרייסטע באַוועגונג, פאַלט־צו צו שמעון׳ען; טאַטע און זון נעמען זיך אַרום.

הערש:

(רייסט זיך אָפּ) **קום, מלכה!** (זי רירט זיך ניט פון אָרט) **מלכה!** (זי קוקט אים אָן אַ ווײַלע און זעצט זיך, שטיל, צוריק אויף די שטיינער).

עווא:

(קומט אַריין) **שמעון!**

שמעון:

יאָ?

עווא:

געווען בײַ זייער קייט.

שמעון:

זיי זײַנען צוגעקומען נעענטער?

עווא:

שטייען אויפן זעלבן אָרט.

שמעון:

גרעסער אין צאָל?

עווא:

כ׳ווייס ניט. (זי נעמט אים אין אַ זייט און, שטילער) **שמעון...**

שמעון:

נײַעס?

ע ו אַ :

יאָ. דוכט זיך... (פּויזע) זיי גראָבן די ערד.

ש מ ע ו ן :

ביסט זיכער?

ע ו אַ :

כמעט.

ש מ ע ו ן :

האָסט געזען?

ע ו אַ :

ניין. דער נעפּל איז צו געדיכט. געהערט בלויז. אָבער דײַט־לעך. איך גלויב, כ'בין זיך נישט טועה.

ש מ ע ו ן :

זיי גראָבן אויף איין אָרט?

ע ו אַ :

אין פיל ערטער. אַרום און אַרום.

ש מ ע ו ן :

(טראַכט אַ ווײַלע) אויף אויפרײַסן?

ע ו אַ :

וואַרשײַנלעך.

ש מ ע ו ן :

מיר קאָנען דאָ מער ניט פאַרבלײַבן!

ע ו אַ :

ס'איז אָבער אוממעגלעך צו לאָזן זיך אין וועג! דער נעפּל — ווי אַ וואַנט, מיטן אויג ניט דורכצודרינגען. אויף יעדן טריט קאָן מען זיך אָנשטויסן אין זיי.

ש מ ע ו ן :

(קוקט אויפן הימל) **די זון ווערט העכער. דער נעפל וועט לאַנג ניט אָנהאַלטן. באַלד וועלן מיר אַרויס. גיי, גיב אַכ־טונג! זאָג אָן דודן! קום גלײַך צוריק!**

ע ו אַ :

יאָ. (זי גייט שנעל אַרויס)

ש מ ע ו ן :

(גייט־צו צו יעקבן וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן אין אַ זייט) **מיר דאַרפן זיך געזעגענען זיידע!**

י ע ק ב :

(הויבט אויף דעם קאָפּ שמייכלענדיק) **דווקא לאָ! כ׳וועל זיך מיט דיר נישט זעגענען!**

ש מ ע ו ן :

(שמייכלט אויך) **פאַרוואָס, זיידע?! ביסט בייז אויף מיר?!**

י ע ק ב :

חלילה!

ש מ ע ו ן :

איז וואָס זשע?! דאַרפסט אַרײַן אין בונקער, זיידע!

ה ע ר ש :

מען טאָר ניט וואַרטן, שוועր!

י ע ק ב :

נו, וואַרט ניט! גייט געזונטערהייט, קינדער!

ה ע ר ש :

וואָס הייסט?!

י ע ק ב :

(שטיל) **איך וועל מער אין בונקער נישט גיין.**

הערש:

וואָס רעדט איר, שווער?! פאַרוואָס?!

יעקב:

געוואַלד! וויפל איז דער שיר?! שוין העכער אַ יאָר, ווי רק באַהאַלט זיך און באַהאַלט זיך! פאַראַיאָרן, נאָכן גרויסן אומגליק, אָפּגעשטאַנען כמעט דרײַ פערטל יאָר הינטער אַ וואַנט און איצט, דעם פינפטן חודש שוין — אין בונקער! ס׳דאַרף דאָך אַמאָל נעמען אַ סוף!

הערש:

אַז מען וועט פּטור ווערן פון אונדזערע צרות, שווער, וועט דאָן זײַן דער סוף!

יעקב:

גיי שוין, ס׳רעדט זיך אַזוי — פּטור ווערן... ס׳מוז דאָך אין אַלץ זײַן אַ שכל! פאַרשטייסט, הערש, איך זיץ כסדר, די טעג און די נעכט, און איך טראַכט: ווער בין איך דאָס אַזוינס, וואָס בין איך, וואָס כ׳האָב זוכה געווען — צו לעבן?! אַזאַ גרויסע, אַזאַ הייליקע עדה יידן איז אויסגעגאַנגען אין יסורים — און איך לעב! ס׳איז דאָך ניט סתם אַזוי! עפּעס מוז דאָך שטעקן אין דעם! איז אָט, הערש, בעת די חברה־לײַט (ווײַזט אויף שמעון׳ען און עוזאַן) האָבן דאָ אָקאָרשט אויפגעהאַנגען די פּאָן זייערע, איז מיר פּלוצלינג אײַנגעפאַלן: און אפשר איז עס זײַן הייליקער רצון — איך זאָל אויפהייבן זיין פּאָן אויך?!

שמעון:

(שמייכלענדיק) זײַן פּאָן?! און וועלכע איז עס זײַן פּאָן, זיידע?!

יעקב:

(נעמט פּאַמעלעך אַרויס פון קעשענע אַ טלית) אָט איז זי! ניט מער, דאָס איז אַ פּאָן, וואָס מען הענגט ניט אַרויס אין דרויסן — ס׳איז נישט קיין יידישע מידה! — מען טראָגט

זי אויף זיך, אויפן האַרצן און אין האַרצן! גיי, הערש, גיי! ביסט מיר געווען, ווי אַ געטרײַער זון! זאָל דער, וואָס אין הימל, אײַך אויסהיטן פון שלעכטס! גיי, מלכה!

מ ל כ ה:

און פאַרוואָס, טאַטע?! פאַרוואָס דו נישט און איך — יאָ?!

י ע ק ב:

גיי מיט דײַן מאַן, מלכה! גיי! (זי זיצט אַלץ) איך הייס!

מ ל כ ה:

(הויבט זיך אויף, און שטיל) איך גיי, טאַטע...

ה ע ר ש:

(גייענדיק מיט מלכהן, אויף רעכטס) און אפשר דאָך, שווער?!

י ע ק ב:

ניין, הערש, ניין! פאַרשטייסט, נאָך דעם ווי דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרן און ס'איז געבליבן בלויז פון אים איין מערבֿ־וואַנט, באַווײַזן זיך — דערציילט מען — די דרײַ אַנדערע פאַרברענטע ווענט, פון צײַט צו צײַט, אַ־מאָל דאָ, אַמאָל דאָרטן... באַווײַזן זיך, קלאָגן אויפן חורבן און פאַרשווינדן ווידער אין פײַער. און דאָס אָרט, וווּ זיי דערשײַנען, ווערט הייליק — ס'איז ירושלים הקדושה! טראַכט איך, הערש, אַז די ווענט פון בית־המקדש זײַנען אפשר איצטער דאָ, אָט דאָ. אפשר איז עס טאַקע אָט די פאַרקוילטע חורבה, וואָס נעבן אונדז, מיט דער פאָן אין דער הויך. גייט, קינדער! גאָט זאָל אײַך באַשירעמען!

ע ז ר א:

(באַווייזט זיך לינקס) דער גערויש האָט אויפגעהערט.

ש מ ע ו ן:

האָסט געזען דודן?

ע ו אַ :

יאָ. אַלץ איז שטיל, אויך אין יענער זײַט.

ש מ ע ו ן :

דער נעפּל?

ע ו אַ :

ווי געווען.

ש מ ע ו ן :

(קוקט אויפן הימל) **טאַטע, וויפל איז דער זייגער?**

ה ע ר ש :

(קוקט אויף זיין זייגער) **צען צו זעקס.**

ש מ ע ו ן :

אײַלט זיך צו!

י ע ק ב :

גייט, קינדער! גייט בשלום!

ה ע ר ש :

פאַרבלײַבט בשלום, שווער!

מ ל כ ה :

פאַרבלײַב געזונט, טאַטע!

הערש און מלכה גייען פאַמעלעך אויף רעכטס.

ע ו אַ :

שמעון, וויפל צײַט האָבן מיר נאָך?

ש מ ע ו ן :

כ'ווייס ניט. (ער קוקט אויפן הימל, אין די קוליסן) **צען מינוט, אַ פערטל שעה... אפשר עפּעס מער און אפשר ווייניקער.**

ע ו אַ :

פאַרשטייסט... (זי שמייכלט פאַרלעגן) **כ'וואָלט אַזוי געוואָלט אַרומוואַשן זיך אַ ביסל! אפשר גאָר אַראָפּגיין אַ ווײַלע? בלויז אָפּוואַשן זיך! און ברענגען וואַסער! ווי מיינסטו?**

ש מ ע ו ן :

(קוקט זי אָן אַ רגע) **גוט. אָבער שנעל!**

ע ו אַ :

איין רגע!

מ ל כ ה :

קום, קום, מײַן קינד!

הערש, מלכה און עוואַ גייען אַרויס, אויף רעכטס.

ש מ ע ו ן :

(אומרואיק) **זיידע, אויפריכטיק — וואָלסט געדאַרפט אַראָפּגיין אין בונקער!**

י ע ק ב :

זעט נאָר, זעט, ווער סע גיט מיר עצות — אַזאַ שנעק! (ער לאַכט) **שמעון!** (ער ווייזט אָן, מיט אַ שמייכל, אויף דער רעכטער זייט) **דאָס מיידל?**

ש מ ע ו ן :

יאָ, זיידע?

י ע ק ב :

אַ כלה דײַנע, צי וואָס?

ש מ ע ו ן :

אַ כלה, זיידע.

י ע ק ב :

(שמייכלט) **כ'האָב עס מיר גלײַך אָפּגעמערקט... די ראיה, ברוך השם, דינט מיר נאָך!**

ש מ ע ו ן:

קיין עין־הרע, זיידע!

י ע ק ב:

קיין עין־הרע — **שייגאַץ!** (ער דרייט אים פאַרן אויער, לאַכט) **אַ ווויל מיידל, זעט אויס!** (ער קוקט אויפן הימל) **לאַנג צײַט צו דאַוונען שחרית! מען דאַרף אַרײַנכאַפּן!** (ער צעלייגט פאַמעלעך דעם טלית, טראַכט אַ ווײַלע) **זאָג מיר נאָר, שמעון...**

ש מ ע ו ן:

יאָ, זיידע?

י ע ק ב:

וויפל, מיינסטו, האָט עס אַזוי געקאָנט אַלט זײַן דער תנא רב עקיבה אין בר־כוכבאס צײַטן, האַ? (ער טוט אָן דעם טלית רואיק און געמיטלעך) **קיין יונגערמאַן איז ער שוין זיכער ניט געווען! ס׳איז אַ פשוטער חשבון!** (מיט אַ גמרא־ניגון) **אַז אָנגעהויבן לערנען האָט רב עקיבה ערשט צו פערציק יאָר! פיר און צוואַנציק יאָר האָט ער פאַר־בראַכט אין די ישיבות — האָסטו שוין אַ קימא־לן פון פיר און זעכציק! הײַנט אין די צײַטן פון בר־כוכבא איז ער שוין געווען דער גרויסער רב עקיבה, באַרימט ווו די וועלט האָט נאָר אַן עק — כ׳מיין, ווי שיקט זיך עס, מסתמא נאָך אַ צענדליק יאָר געהאַט שוין פאַרלאָפן! קומט אויס — כמעט שוין באַלד אַ פינף־און־זיבעציקער! אַ שפּאַר ביסל עלטער פון מיר!** (ער לאַכט) **אָט, שטותערײַען! אַן עבירה און אַ חרפה גאָר אַזוינס אויפן רעיון צו ברענ־גען — גיי גלײַך זיך צום תנא רב עקיבה!** (ער שאָקלט מיטן קאָפּ, מורמלט עפּעס, טראַכט, שמייכלט) **שאַ, יאָ, און בר־כוכבא אַליין, וואָס מיינסטו? געדאַרפט זײַן אַ שנעק אין דרײַנע יאָרן, וואָס האָט ניט געפאָלגט טאַטע־מאַמען!** (ער לאַכט) **גאָט זאָל מיך ניט שטראָפן פאַר די רייד!** (טראַכט אַ ווײַלע) **ס׳שטייט געשריבן: רב עקיבה איז גע־ווען דער נושא־כלים... וואָס פאַראַ כלים, האַ? מסתמא**

שווערדן — ווי מיינסטו? (שמעון ענטפערט ניט, ציט מיט די אַקסלען) **זאָג מיר נאָר, שמעון: איר — איר האָט ניט קיין שווערדן?!**

ש מ ע ו ן :

ניין, זיידע. זיי זײַנען לעצטנס ארויס אַ ביסל פון דער מאָדע.

י ע ק ב :

(לאַכט) **אוודאי, מאַך חוזק, מאַך חוזק פון דײַן זיידן!** (זיי לאַכן ביידע; יעקב גייט צו נעענטער צו שמעון'ען, וואָס ריי־ניקט די גאַנצע צייט דאָס געווער, קוקט זיך צו) **ווײַז נאָר אַקאָרשט, שמעון, אויף טשיקאַוועס, אַ כלי דײַנע! עפּעס שווער?**

ש מ ע ו ן :

ניין, זיידע. (גיט אים אַ רעוואָלווער)

י ע ק ב :

(וועגט אין האַנט) **עט, גאָרניט! נו און די אַנדערע, די גרויסע?** (ער ווייזט אויפן קוילנוואַרפער)

ש מ ע ו ן :

אַ ביסל שווערער.

י ע ק ב :

(פּרוּווט ווידער) **יאָ... האָט וואָג! די אמתע כלי־משחית!** (ער לאַכט, באַקוקט דעם קוילנוואַרפער פון אַלע זייטן) **איך טראַכט מיר, שמעון: אַזאַ גרויסער תנא, ווי רבי עקיבה! ווער נאָך האָט אַזוי געקענט, ווי ער, דעם טײַטש פון: לא תרצח?! פונדעסטוועגן, אַז ס'איז געקומען די צײַט, האָט ער דעם לא תרצח געטײַטשט: תרצח! דווקא תרצח! יאָ!..** (ער טראַכט, גיט צוריק שמעון'ען דעם קוילן־וואַרפער) **מען דאַרף זיך שטעלן שחרית!..** (ער גייט אָפּ אין אַ זייט, וויל זיך שטעלן דאַווגען אָבער וואַרפט אַ בליק אויף שמעון'ען וואָס האַלט אין איין אַרומקוקן **זיך**, אַנגעשטרענגט) **זעסט מיר אויס עפּעס צעטראָגן, שמעון!**

ש מ ע ו ן :

איך, זיידע ?!

י ע ק ב :

געוויס דו! ווער דען — איך?! רק דו שפּיצט אַן די אויערן, קוקסט אין דער לופטן, זוכסט פייגעלעך אין הימל! זאָל זײַן גאָר — האָסט מורא צו פאַרשפּעטיקן דעם פריי־מאָרגנדיקן דאַוונען?! (ער לאַכט).

ש מ ע ו ן :

(שמייכלט) אפשר טאַקע אַזוי, זיידע.

י ע ק ב :

(גייט־צו ווידער צו שמעון׳ען) כ׳קאָן דיר גאָרניט זאָגן, ווי צופרידן איך בין, וואָס כ׳האָב זיך ניט אומגעקערט צוריק אין בונקער. אומעטיק דאָרט, אײַ אומעטיק — אַ שרעק! ס׳האָט זיך מיר געבענקט, אַ גוואַלד! ממש מיט צוואַנגען געצויגן צו אַן עדה יידן! אָבער ווו איז די עדה?! (ער שאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ) וועסט זאָגן — איר זאָגט דאָך אַלע אַזוי, חברה־יונגוואַרג — מ׳האָט נישט געדאַרפט זיך לאָזן! אפשר זײַנט איר גערעכט. אָט איז דאָך רב עקיבה אַליין געוואָרן אַ נושא־כלים און מותר געווען אויפן לאָוו! „תרצח”, האָט ער געטײַטשט, „תרצח”! נו, יאָ, אָבער — ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן?! פאַרן חורבן בית־המקדש! שפּעטער זײַנען געקומען אַנדערע צײַטן און אַנדערע דרכים! קעגן שײַטערהויפן, קעגן מעסער, קעגן חיה־רעה איז מען אַוועק — מיטן בלויזן נאָמען פון אונדזער גרויסן גאָט... (ער גייט אָפּ אין הינטערגרונט, הויבט אָן דאַוונען מיט כוונה).

ש מ ע ו ן :

זיידע!

י ע ק ב :

יאָ?

ש מ ע ו ן:

איך מוז אַרויסגיין אויף דער וואַך. די זון ווערט העכער. ס'קאָן ווערן שפּעט. מען דאַרף זײַן גרייט. באַלד קום איך צוריק.

י ע ק ב:

גיי, שמעון. גיי בשלום.

שמעון גייט אַרויס, לינקס; יעקב, אין הינטערגרונט, וויקלט זיך איין אין גאַנצן אין טלית און בלייבט שטיין אומבאַוועגלעך; דער ערשטער און צווייטער ייִד זיצן אָנגעשפּאַרט, יעדער אין זיין חורבה.

ע ר ש ט ע ר:

ער האָט געזאָגט: ס'קאָן ווערן שפּעט; מען דאַרף זײַן גרייט...

צ ווי י ט ע ר:

גרייט — צו וואָס?!

ע ר ש ט ע ר:

צו שטאַרבן. (פּויזע)

צ ווי י ט ע ר:

מיר זײַנען אַרומגערינגלט. זיי וועלן אויפרײַסן יעדן שפּאַן ערד, ניט לאָזן אַ שטיין אויף אַ שטיין...

ע ר ש ט ע ר:

בלײַבן מיר דאָ — איז אַ זיכערער טויט...

צ ווי י ט ע ר:

פאַרלאָזן מיר די באַהעלטעניש — איז דער טויט ניט ווייניקער זיכער....

ס'קומט אַריין צוריק שמעון און מיט אים — דוד.

ד ו ד:

פינף מינוט צו זעקס!

ש מ ע ו ן :

אונדזער ערשטע אויפגאַבע: דערקריגן זיך צו די קעלערן, הינטער זייער רינג! שפּעטער, פון קעלער צו קעלער — אין די קאַנאַלן!

ד ו ד :

יאָ. זיי וועלן ניט וואַגן אונדז נאָכיאָגן אין די קאַנאַלן.

ש מ ע ו ן :

מירן זיך לאָזן פון דאַנען מיט די גריבער... פּרוּוון דורכ־שלײַכן האַרט נעבן די שטיינער און ציגל... טאָמער דאַרף באַמערקן זיי אונדז...

ד ו ד :

(מיט אַ שמייכל) **האָבן מיר אונדזערע דרײַ קוילנוואַרפער!**

ש מ ע ו ן :

(הערט זיך צו ביי די קוליסן) **באַלד וועלן זיך אָנהייבן די אויפרײַסן!**

ד ו ד :

מ׳עט זיך אַרויסבאַקומען! נישט דאָס ערשטע מאָל שוין!

ש מ ע ו ן :

דאָס מאָל אָבער... (ער ענדיקט נישט)

ד ו ד :

דער בונקער?! (שמעון שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ) **נישט געענוג טיף?**

ש מ ע ו ן :

וואָס פאַר אַ חילוק! (ער טראַכט) **פאַרשטייסט: אַרויסקריגן זיך פון רינג וואָלט מען נאַטירלעך געדאַרפט אומבאַמערקט. גלײַכצײַטיק איז אָבער נויטיק, זיי זאָלן דווקא וויסן, אַז מיר זײַנען אַנטרונען, כּדי אויפהערן צו נישטערן.**

ד ו ד :

ס'איז פשוט: גלײַך פון יענער זײַט רינג — לאָזן מיר אין גאַנג די קוילנוואַרפער! (פויזע) **אָבער — מיט דײַן זיידן וואָס וועט זײַן?!**

ש מ ע ו ן :

(מאַכט אים אַ צייכן) **שטילער! איך פרעג זיך אויך דאָס זעלביקע.** (פויזע) **אגב שטעלט זיך מיר נאָך אַ פראַגע.**

ד ו ד :

וואָס אַזוינס?

ש מ ע ו ן :

(פאַמעלעך נאָכטראַכטנדיק) **זיכער איז: מען דאַרף זיך דורכרײַסן. זיכער איז אויך: זיי דאַרפן וויסן, אַז מיר האָבן זיך דורכגעריסן. אָבער צי דאַרפן מיר פּרוּוון דורכגיין אַלע דרײַ — אין דעם, זעסטו, בין איך נישט אינגאַנצן איי־בערצײַגט.**

ד ו ד :

(קוקט אים אָן פאַרוואונדערט, צעשמייכלט זיך באַלד) **האָסט ניט אַמאָל בדעה צו שיקן אַ דעלעגאַציע? אָדער גאָר אַ ספּעציעל־באַפולמעכטיקטן שליח?!**

ש מ ע ו ן :

איך שפּאַס ניט. (פויזע) **איבעריקס, מירן נאָך זען.**

ד ו ד :

(האָט עפּעס באַמערקט, פון רעכטס, און שרייט אויס, מיט קאָמישער שטוינונג) **עוואַ!**

ס'קומט אַריין, פון דער רעכטער זייט, עוואַ — אַ שמייכלענדיקע, אַ צעשטראַלטע, דאָס היטל אין האַנט, די האָר צעלאָזט און אַ באַלאַדענע מיט פּעקלעך.

ע ו אַ :

אומגלויבלעך — אָבער אַ פאַקט! אויף אַן אמתן שטול

געזעסן! געוואַשן זיך אין אַ אמתער שיסל! (זי לאַכט און, אַנווייזנדיק אויף די פּעקלעך) אָט איז פּראָוויאַנט פאַר אונדז — עסן, טרינקען, פון אַלעם גוטן! געמוזט נעמען, אַנדערש האָט דײַן מאַמע ניט געוואָלט אַרויסלאָזן מיך. (זי לאַכט און, צו שמעון׳ען) דער נעפּל?

ש מ ע ו ן:

אַלץ דער זעלבער.

ד ו ד:

(גייט צו נעענטער צו עוואַ און בלייבט שטיין אַ ווײַלע, אין גרויס שטוינונג) זע נאָר, זע! ביסט דאָך גאָר אַ בלאָנ־דע, עוואַ!

ע ו אַ:

(שמייכלט) אַ בלאָנדע, נאַטירלעך! נו, ווי זשע דען?!

ד ו ד:

שוין לאַנג?!

ע ו אַ:

נשקשה, באַלד אַ יאָר צוואַנציק. (זיי לאַכן)

ד ו ד:

הערט אַ מעשה! און איך בין געווען זיכער — דײַנע האָר זײַנען פון קאַשטאַן־קאָליר!

ע ו אַ:

בלאָנד פלוס שטויב און שמוץ! (זיי לאַכן) ניט געקאָנט אײַנהאַלטן זיך — ווי נאָר כ׳האָב דערזען וואַסער, האָב איך זיך אויסגעצוואָגן!

ש מ ע ו ן:

וויפל איז דער זייגער?

ד ו ד:

באַלד זעקס. כ׳גיי האַלטן וואַך. (מאַכט עטלעכע טריט קערט זיך אום, שמייכלט) עוואַ!

ע ו אַ:

יאָ?

ד ו ד:

דײַנע אויגן האָסטו אויך אויסגעצוואָגן?

ע ו אַ:

פאַרוואָס? אויך בלאָנד געוואָרן?!

ד ו ד:

ניין. ליכטיק! פרימאָרגנדיק! ערשט אַרויס פון טוי! (ער לאַכט) **איך קאָן זיך גאָרניט מוחל זײַן, עווֹאַ, וואָס כ'האָב דיך ניט באַגעגנט מיט עטלעכע יאָר פריער!**

ע ו אַ:

און וואָס וואָלט געווען?!

ד ו ד:

אָ, וואָס עס וואָלט געווען, ווען איך דיר פאַרציילן אַן אַנ־דערש מאָל, ווען שמעון וועט דערבײַ ניט זײַן... (ער לאַכט, הויבט אָן גיין, פאַרהאַלט זיך ווידער און, מיט אַ שמייכל) **כ'דערמאָן זיך: גלײַך בײַם אָנהויב, די גאַסן זײַנען גע־שטאַנען אין פלאַמען, האָט מרדכי מיר איינמאָל געזאָגט: איך פיל זיך גליקלעך, וואָס כ'בין צווישן די ערשטע קעמפנ־דיקע יידן אין געטאָ. טראַכט איך, הוהלע, אַז אונדזער זכיה — דײַנע, זײַנע, מײַנע — איז נאָך אַ גרעסערע. אי מיר זײַנען געווען צווישן די ערשטע, אי מיר האָבן דערלעבט צו זיין צווישן די סאַמע לעצטע. דאָס איז באמת אַ גרויסע זכיה!** (ער שמייכלט, ווערט ערנסט) **נו, איך גיי!** (ער גייט אַרויס)

ע ו אַ:

(נאָך אַ קורצן שווייגן) **שמעון!**

ש מ ע ו ן:

(שטיל) **יאָ?**

עווא:

(מיט אַ שמייכל) **די האָר מײַנע!** (ער קוקט זי אָן אַ ווײַלע, ניט פאַרשטייענדיק) **זײַ אַזוי גוט, גיב אַ קוק — זײַנען מײַנע האָר נאָך פײַכט?**

שמעון:

(גייט־צו צו איר, נעמט זי אַרום, דריקט־צו צו זיך) **דײַנע האָר זײַנען ניט פײַכט. זיי זײַנען נאַס! אינגאַנצן נאַס. האָסט גאָרניט מיט וואָס זיי אָפּצוטריקענען?**

עווא:

דײַן מאַמע האָט מיר געגעבן צוויי טיכעלעך — איינס פאַר דיר און איינס פאַר מיר. (זי נעמט אַרויס אַ טיכעלע, גיט אים)

שמעון:

קום דאָרט — אַ שטראָל פון זון דערגייט. (ער פירט זי לינקס, וווּ ס'פאַלן די ערשטע זונען־שטראַלן, ווישט פאַמעלעך אירע האָר, שווײַגנדיק און נעמט זי באַלד ווידער אַרום; אַ ווײַלע שטייען זיי אַזוי ביידע, פעסט אַרומגענומען, אָן איין וואָרט)

עווא:

(שטיל) **וויפל צײַט — איז פאַרבליבן?**

שמעון:

ווייניק. זייער ווייניק.

עווא:

(דריקט זיך צו אים נאָך פעסטער) **שמעון!**

שמעון:

יאָ?

עווא:

מיינסט ניט — מען וואָלט געקאָנט אַרײַן... אַלע... אין בונקער?

ש מ ע ו ן :

ניין, עוואַ! ניין!

ע ו אַ :

ער איז אויסערגעוויינלעך, באמת! נישט בלויז די איינ־ריכטונג, אויך די פאַרמאַסקירונג! נאָך אַזאַ ניט געזען!

ש מ ע ו ן :

יאָ...

ע ו אַ :

כ׳בין איבערצייגט: אויב מען זאָל אים נאָר ניט אויס־געבן, וועט אַבסאָלוט אוממעגלעך זיין אים צו געפינען!

ש מ ע ו ן :

(נאָך אַ ווײַלע) אָבער אויב מען זאָל אים יאָ אויסגעבן?!

ע ו אַ :

ווער דען?!

ש מ ע ו ן :

כ׳ווייס ניט! עמעצער! און ווער האָט אויסגעגעבן מילא 18?!

ע ו אַ :

ס׳איז דאָך שוין כמעט קיינער אין געטאָ ניט פאַרבליבן!

ש מ ע ו ן :

זאָגסט אַליין — כמעט! און אגב, וואָס זײַנען מיר זי־כער?! (פּויזע)

ע ו אַ :

שמעון! זײַ ניט בייז אויף מיר! כ׳פיל זיך אַזוי מאָדנע היינט, אַזוי אויסטערליש! בײַנאַכט בין איך געוועזן אינ־גאַנצן אָן כחות, גלײַך ווי גאָר דאָס בלוט מײַנס וואָלט געוועזן אַרויסגעפלאָסן דורך אַן אָפענער ווונד. איצט בין

איך ווידער מונטער, ווידער פריש! זאָל זײַן — ווײַל כ׳האָב די האָר אויסגעצוואָגן?! (זי לאַכט שטיל) שמעון, דו גלויבסט מיר, האַ?! איך האָב ניט מורא! אָבער לח־לוטין ניט, קיין ברעקל ניט!

שמעון:

איך ווייס, עוואַ. כ׳ווייס, אַז דו ביסט מוטיק און אומדער־שראָקן.

עוואַ:

אָבער — ווי זאָל איך דיר זאָגן?! שוין לאַנג, גאָר לאַנג, ווי ס׳האָט זיך מיר אַזוי ניט געוואָלט, אַזוי אויסערגעוויינ־לעך געוואָלט — לעבן! כ׳ווייס, ס׳איז נאַריש, ס׳איז אומ־זיניק! און דווקא ווײַל איך ווייס עס — איז דאָס האַרץ מיר אַזוי מאָדנע פאַרקלעמט! אַלץ זעט מיר אויס אַזוי שיין הײַנטיקן פרימאָרגן, דער הימל, די זון, די לופט, וואָס איז נאָך אַזוי לויטער! און ס׳טוט מיר אויף אַלץ אַזוי באַנג! (פויזע) שמעון! (ער ענטפערט ניט) מײַנע האָר — זײַנען נאָך אַלץ אַזוי פײַכט?

שמעון:

(באַרירט מיט די ליפּן אירע האָר) ווייניקער... אַ סך ווייניקער...

עוואַ:

גלײַך ווי כ׳האָב דערזען דעם בונקער, האָב איך געטראַכט: דאָ וואָלטן מיר געקאָנט זײַן צוזאַמען... אפשר ניט לאַנג, אָבער צוזאַמען אויף אַן אמת... (פויזע) שמעון! (ער שווייגט) שמעון, זאָג מיר... (זי ספּקט).

שמעון:

וואָס, עוואַ?

עוואַ:

דיר איז שוין — אַלץ איינס?!

ש מ ע ו ן :

וואָס מיינסטו דערמיט ?!

ע ו אַ :

כ׳מיין .. אַלץ איינס — יאָ אָדער ניין ?! לעבן אָדער טויט ?!

ש מ ע ו ן :

(שטיל) **ביסט זיך טועה.** (פּאַמעלעך, ווי נאָכטראַכטנדיק) **איך אויך האָב שוין לאַנג אַזוי טיף ניט געפילט, ווי גוט עס איז צו האַלטן דיך אַרומגענומען, צו שפּירן די וואַרעמ־קייט, וואָס שלאָגט פון דיר, איינצוזאַפּעמען דעם ריח פון דיינע האָר!** (ער לייגט־צו דעם פּנים צו אירע האָר) **דער ריח דערמאָנט מיר אין עפּעס! כ׳געדענק ניט אין וואָס...** (ער שמייכלט שטיל, קוקט די אָן אַ ווייל, דריקט זי פעסטער צו זיך) **דוד איז גערעכט — דיינע אויגן זיינען אַזעלכע פרימאָרגנדיקע, אַזעלכע ליכטיקע, ווי אויסגעצוואָגן מיט טוי!**

ע ו אַ :

(מיט אַ גליקלעכן שמייכל) **באמת?**

ש מ ע ו ן :

באמת! אָבער — ס׳בלייבן אונדז בלויז געציילטע מינוטן. (ער לאָזט זי אָפּ, גייט־צו צו די קוליסן, רעכטס, הערט זיך איין).

ע ו אַ :

נו?!

ש מ ע ו ן :

כ׳הער גאָרניט. (ער גייט צוריק, נעמט זי ווידער אַרום) **ווייסט, עוואַ,** (ער שמייכלט) **מען זאָגט, אין די לעצטע רגעס דערזעט דער מענטש דאָס גאַנצע לעבן זיינס אויף צוריק. מיר וואָלטן געדאַרפט מאַכן אַ פאַרקערטן פּרווו — ווילסט?! דורכבליקן דאָס גאַנצע לעבן אויף פאָראויס! אַ,**

ניט חלילה, ווײַל איך האַלט, אַז ס'האָט אויסגעשלאָגן אונ־דזער לעצטע שעה! (ער לאַכט) סתם, אַ שפּיל אַזאַ! מסכים? (זי שווייגט) נו, אַט! מיר זײַנען מאַן־און־ווײַב, איאַ?

ע ו אַ:

יאָ.

ש מ ע ו ן:

גליקלעך?

ע ו אַ:

דו ספקסט אין דעם?!

ש מ ע ו ן:

כ'בין זיכער. אַ סך גליק!

ע ו אַ:

יאָ.

ש מ ע ו ן:

אַ סך פרייד!

ע ו אַ:

יאָ!

ש מ ע ו ן:

און אויך — אַ סך, אַ סך זאָרגן!

ע ו אַ:

(שטיל) יאָ?!

ש מ ע ו ן:

וואָס מערער — פרייד, ווי לייד, אָדער — לייד ווי פרייד?! ס'איז שוין באַלד קיין חילוק ניט! פון אַלץ וועט בלײַבן — ניט מער ווי זכרונות! די יאָרן זײַנען פאַרלאָפן. אַט די בלאָנדע האָר זײַנען געוואָרן ווײַס.

עוואַ:

(שטיל) **ווײַס, מײַנע האָר?!**

שמעון:

אומבאַמערקבאַר שנעל איז געקומען די עלטער! און באַלד — די קראַנקהייטן! און פּלוצלינג — דער טויט! (ער שווייגט אַ ווײַלע) **אומגעריכט אַזוי, און צופעליק, און נאַריש, אַן דעם קלענסטן זינען, אַן דעם קלענסטן באַטײַט, אַן אַ פאַרוואָס, אַן אַ צוואָס — אַן אומזיניקער טויט.** (ער שווייגט אַ ווײַלע) **אפילו ניט ביידע צוזאַמען, אָבער ביידע גלײַכצײַטיק באַזיגט!** (פּויזע, ער שמייכלט און שטיל) **עוואַ!**

עוואַ:

יאָ?

שמעון:

מיר האָבן דורכגעמאַכט אַ ווונדערלעכן וועג אינאיינעם, ניט אמת?

עוואַ:

(אין אַ געמורמל) **יאָ, שמעון.**

שמעון:

און ס'איז גוט אַזוי, צו גיין זײַט בײַ זײַט און האַנט אין האַנט?

עוואַ:

(ווי פריער) **יאָ, שמעון.**

שמעון:

(מיט אַ שמייכל) **דײַנע האָר זײַנען שוין כמעט טרוקן. און כ'האָב זיך דערמאַנט דעם ריח: עס שמעקט פון זיי, ווי פרילינג אין וואַלד.** (זיי שטייען נאָך אַ ווײַלע, פעסט אַרומגענומען).

עווא:

(רואיק, שמייכלענדיק) **מען דאַרף דורכקוקן דאָס געווער.** שמעון!

שמעון:

יאָ, **מען דאַרף.** (ער לאָזט אַרויס עוואן פון זיינע אָרעמס; זי נעמט רייניקן דעם קוילנוואָרפער; שמעון קוקט אַרויס דורך די קוליסן).

עווא:

כ׳גיי אַרויס אויף וואַך?

שמעון:

אויב דו ווילסט. אָבער ניט ווייט. מ׳דאַרף זיין גרייט יעדע רגע.

עווא:

(גייט אַרויס)

שמעון:

(גייט צו יעקבן, וואָס שטייט די גאַנצע צייט, איינגעוויקלט אין טלית) **זיידע!**

יעקב:

(אַרויסקוקנדיק פון טלית) **הם?!**

שמעון:

דאַוונסט, זיידע?

יעקב:

שוין אָפּגעדאַוונט. איצטער פּעדער איך מיך אין וועג אַריין.

שמעון:

אין וועג, זיידע?!

יעקב:

אין וועג, שמעון! אין וועג! איך האָב גוט געהערט די

שאלה פונעם חבר דײַנעם: וואָס וועט זײַן מיטן זיידן?! ער איז געגרעכט! ווי קאָן איך זיך גלײַכן צו אײַך?! איר זײַנט יונג, קיין עין־הרע — און איך בין אַלט!

ש מ ע ו ן:

וואָלט ניט גלײַכער געווען, זיידע... (ער וואַקלט זיך) אַרײַנ־צוגיין אין בונקער?

י ע ק ב:

חלילה! אין איינעם מיט דער עדה! בדאי דאָרט, וווהין מען פירט, אין אימה און אין עלנט! בדאי, אויב ס׳איז באַשערט, פאַרן כסא הכבוד! אונדזער וועג איז במילא ניט דער זעלבער! (ער פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע, שאָקלט מיטן קאָפּ; צעשמייכלט זיך) אָבער — נושא־כלים בלײַב איך פאָרט! דאָס וועסטו בײַ מיר נישט צונעמען! כ׳האָב געהערט, איר ווילט זיך דורכקריגן דורך זייער קייט?

ש מ ע ו ן:

יאָ, זיידע.

י ע ק ב:

ס׳איז ריכטיק, וואָס דו האָסט געזאָגט, שמעון: מען דאַרף, זיי זאָלן וויסן, אַז מען איז דורך! אַזוי אַרום וועט די חיה־רעה אפשר אַ ביסל אײַנשטילן איר צאָרן. איך אויך וועל גיין! (קורצע פויזע) און כ׳וועל גיין דער ערשטער!

ש מ ע ו ן:

(קוקט אים אָן) וואָס?! וואָס זאָגסטו, זיידע?!

י ע ק ב:

דער ערשטער, שמעון! אַזוי ווי עס שטייט אָן אַ נושא־כלים! (ער לאַכט) און אַליין!

ש מ ע ו ן:

ביין, זיידע! ביין!

י ע ק ב :

(מיט אַ שמייכל) וואָס הייסט — ניין?! דאַרפסט דו דען וועלן?! גענוג, אַז איך וויל, שמעון! גענוג, אַז דער וואָס קוקט אויף אונדז פון הימל — וויל עס! איר וועט מיר ווייַזן דעם וועג און פאַנאַנדערזאָגן — ווי און ווען... אפשר גלייַכער גאָר, נישט צו גיין אַלע פון דער זעלבער זייַט — איר ווייסט בעסער. דאָס נעמלעכע אויך, וואָס שייך — כלים... (ער לאַכט) די כלים אייַערע! ס'וועט זייַן, ווי איר וועט וועלן, מיר איז קיין חילוק ניט. אָן כלים, צי מיט כלים — אָבער נושא־כלים בין איך פאַרט! (ער לאַכט, מאַכט עטלעכע טריט, קערט זיך צוריק) אָדער נעם למשל די מעשה מיט דער פאַן אייַערער! קוק זי גוט אָן! כמעט להבדיל, אַ האַנט פון אַ כהן, אויסגעשטרעקט צום בענטשן! (ער לאַכט) כאַטש צוריקגערעדט, אײַ, רבונו של עולם! (ער שאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ) איין גאָט איין הי״ל ווייסט, אַז ס'איז פאַראַן פאַר וואָס צו שילטן! פאַר־שילטן דעם באַשאַפער, חלילה, און דאָס גאַנצע באַשאַף פון זייַנע הענט! איז דווקא — ניין, איר בענטשט! און איר זייַנט גערעכט! דער זיג פונעם בייז וועט פאַרגיין ווי אַ חלום. (פויזע, ער שמייכלט) דו זעסט, שמעון, מיר בענטשן — יעדער אויף זייַן אופן. און מיר גלויבן — אויך יעדער אויף זייַן אופן! אָבער אַלע זייַנען מיר גלויביקע! די קשיא בלייַבט טאַקע אַ קשיא — נישט בלויז פאַר רב תנחומען נעבעך, וואָס מיינט, אַז נאָר ער איז איוב — און פאַרענטפערן זי פרוווט טאַקע יעדער לפי זייַן אייגענעם דרך נאָך, אָבער — אַלע מיט אמונה! אַ פאָלק פון בעלי־אמונה! (פויזע) האָב ניט קיין פאַראיבל! כ'בין נאָך ניט איינגאַנצן גרייט צום וועג... (ער גייט אָפּ עטלעכע טריט, וויקלט זיך ווידער איין אין טלית).

ש מ ע ו ן :

(גייט־צו צו די קוליסן, לינקס, קוקט אַרויס, זערנאָך צו דער צווייטער זייט, רעכטס, און רופט שטיל) עוואַ!

עוואַ:

(באַווייזט זיך) **יאָ?**

שמעון:

האָסט געזען דודן?

עוואַ:

ניין.

שמעון:

עוואַ... דער זיידע — וויל גיין צו דער קייט!

עוואַ:

מען טאָר עס ניט דערלאָזן!

שמעון:

אָבער ווי אַזוי — ניט דערלאָזן?!

פלוצלינג דערגייט פון הינטער דער בינע, רעכטס, די שטימע פון מלכהן.

מלכה:

(הינטער די קוליסן) **ניין, זאָג איך דיר! ניין!!** (זי לויפט אַריין) **איך וויל ניט! איך וועל ניט בלייבן! וועסט מיך ניט צווינגען מיט געוואַלד!**

הערש:

(נאָך איר) **מלכה! ווי גאָט איז דיר ליב! ווער וויל דיך דען צווינגען?!**

מלכה:

(אַלץ מער און מער אויפגערודערט) **זיי רופן מיך!**

הערש:

קיינער רופט דיך ניט!

מלכה:

זיי רופן מיך אַלע! אַלע פינף!!!

ש מ ע ו ן :

(לאָזט זיך לויפן צו איר) **וואָס איז געשען, מאַמעשי?!**

מ ל כ ה :

(כאַפּט אים אַרום) **איך בין דאָ, שמעון! איך וועל אײַך מער ניט פאַרלאָזן!**

י ע ק ב :

(איז צוגעגאַנגען צו איר און, ווייך) **באַרואיק זיך, טאָכ־טער! באַרואיק זיך!**

מ ל כ ה :

(איר גאַנצע אויפרודערונג איז, מיט איין מאָל, ווי פאַר־שוווּנדן; זי לאָזט אָפּ שמעון׳ען און ווענדט זיך צו יעקבן, שטיל מיט אַ דערשטיקטן קול) **טאַטע, איך קאָן מער אין בונקער ניט בלײַבן! איך קאָן ניט מער! איך קאָן ניט!**

י ע ק ב :

און דײַן מאַן, מלכה?! עס שטייט געשריבן...

מ ל כ ה :

איך ווייס, טאַטע! האָסט מיך געלערנט, אַלץ, וואָס ס׳שטייט געשריבן... (זי בלייבט מיט פאַרמאַכטע אויגן, מיט אַן אַראָפּ־געלאָזטן קאָפּ און אַראָפּגעלאָזטע הענט, ווי אַ געקרייציקטע).

ה ע ר ש :

(זיין קול ציטערט) **מלכה!**

מ ל כ ה :

(עפנט אויף די אויגן) **טאַטע, בעט אים,** (זי ווייזט אויף הערשן): **זאָל ער מיר מוחל זײַן! האָב איך אים נישט טרײַ געדינט אַ לעבן־לאַנג?! בין איך אים ניט געוועזן אַ טרײַע ווײַב, אַלע יאָרן, פונעם ערשטן טאָג פון אונדזער חתונה אָן?!**

ה ע ר ש :

יאָ, מלכה! יאָ! (ער שלוכצט) **בלײַב מיר אויך טרײַ ביז דער לעצטער רגע!**

מ ל כ ה :

(איר קול איז אַלץ מער דערשעפּט) **איצטער איז די לעצטע רגע! איצטער — דאָ!** (פּויזע) **יענע פיר זײַנען פאַר־שווּנדן אומגעריכט... אַוועקגעריסן פּלוצלינג — מײַנע אויגן האָבן עס ניט צוגעזען... זיי רופן מיך — איך הער זייער קול פון דער ווײַטן... אָבער ער איז דאָ! דער לעצטער, דער איינציק־פאַרבליבענער! ער שטייט פאַר מיר! איך זע זײַן געזיכט! איך האַלט זײַנע הענט!** (זי האָט אָנ־גענומען שמעון'ען, פאַר די הענט) **און — ער גייט אין פײַער! זאָל איך, בעת־מעשה, זיך באַהאַלטן אין אַ לאָך?! גלײַכער טויזנט מאָל דער טויט!** (פּויזע; פּלוצלינג כאַפּט זי אַרום שמעון'ען, קלאַמערט זיך אין אים, מיט אַלע כחות) **שמעון, איך וויל גיין מיט דיר! נעם מיך מיט, שמעון! נעם מיך מיט!**

ש מ ע ו ן :

(גלעט זי צאַרט) **מאַמעשי!** (פּויזע און שטילער) **דו קאָנסט ניט גיין מיט מיר!**

ה ע ר ש :

הערסט?! הערסט, מלכה?!

ש מ ע ו ן :

(מיט באַדויער) **איך קאָן דיך ניט נעמען מיט מיר!**

מ ל כ ה :

(זי לאָזט אָפּ שמעון'ען; די הענט פאַלן איר אַרונטער; זי פּרעגט, זייער שטיל) **דו ווילסט ניט, זון מײַנער?**

ש מ ע ו ן :

איך קאָן ניט, מאַמעשי! כ'שווער דיר — איך קאָן ניט! וואָלט געווען די קלענסטע מעגלעכקייט — די מינדסטע,

די אומוואַרשײַנלעכסטע! — דו זאָלסט גײן מיט אונדז און טאָן, וואָס מיר טוען און לעבן ווי מיר לעבן, וואָלט איך ניט געספּקט קײן אײן רגע! גלויב מיר, איך וואָלט געווען גליקלעך, מאַמעשי, ווען דו קאָנסט זײַן מיט אונדז! אָבער — דאָס איז ניט מעגלעך! טרוי מיר, טרוי מיר, מאַ־מעשי!

י ע ק ב :

זייער וועג, מלכה, איז ניט פאַר אונדז! יונגע גבורים אויפ־געשטאַנען!

מ ל כ ה :

און דו, טאַטע?! דײַן וועג ווו איז?!

י ע ק ב :

דער אַלטער דרך פון אַמאָל... איך פאַרנעם זיך — אַליין!

ש מ ע ו ן :

גיי צוריק אין בונקער, מאַמעשי!

מ ל כ ה :

(שטאַר) ניין! (זי זעצט זיך אויף די שטיינער).

י ע ק ב :

גיי, מלכה! גיי אין בונקער, מיט דײַן מאַן!

מ ל כ ה :

(די אויגן פאַרמאַכט, שאָקלט מיטן קאָפּ) ניין!

ה ע ר ש :

מלכה!

מ ל כ ה :

(ווי פריער) כ'מוז זײַן מיט זיי! זיי רופן מיך!

ה ע ר ש :

(וואַרפט זיך צו שמעון'ען) שמעון! שמעון! האָב רחמנות!

קומט אַלע אַרײַן אין בונקער! סײַ ווי זײַנט איר אַרומגערינגלט! קומט אין בונקער! זיי וועלן זוכן, זיי וועלן רײַסן די ערד — אָבער נישט אַזוי שנעל געפינען זיי! דער טאָג וועט אַוועק און בײַנאַכט וועט איר אַרויס! כ׳בעט בײַ דיר רחמים, שמעון!

ע ו אַ :

(גייט־צו צו שמעון׳ען, נעמט אים אָן פֿאַר אַ האַנט און, בעטנדיק) **שמעון!**

ש מ ע ו ן :

(אין גרויס שפּאַנונג, שלאָגט זיך מיט דער דעה, אַ לאַנגע ווײַלע, אָבער לסוף, אַנטשלאָסן) **ניין, טאַטע! דאָס איז ניט מעגלעך! זיי ווייסן, אַז מיר זײַנען דאָ. טאָמער רײַסן מיר זיך ניט דורך, וועלן זיי ניט אָפּטרעטן פֿון דאַנען — נישט בײַטאָג און נישט בײַנאַכט! ביז זיי וועלן זיך דער־גראָבן צו דײַן בונקער!**

ה ע ר ש :

(פֿאַרצווייפֿלט) **דורכרײַסן זיך! האָסט שוין אַמאָל געזען, מען זאָל דורכרײַסן זייערס אַ קייט?!**

ע ו אַ :

(אַלץ מער און מער געשפּאַנט) **שמעון!** (זי פֿירט אים אָפּ אין אַ זייט) **שמעון, באַטראַכט זיך! ווו זײַנען די שאַנסן גרעסערע — דורכקריגן זיך איצט, אָדער איבערוואַרטן אין בונקער?!**

ש מ ע ו ן :

(זײַן גאַנצע זיכערקייט איז פֿאַרשוווּנדן) **איך ווייס ניט...** (ער מורמלט) **ניין, איך ווייס ניט...** (פּויזע; ער נעמט אָן עוואַן פֿאַר דער האַנט און, זייער שטיל) **עוואַ!**

ע ו אַ :

(פֿאַרווּנדערט און אומרויִק גלייכצייטיק) **יאָ?**

שמעון:

עוואַ... (ער וויל עפּעס זאָגן, קאָן זיך ניט באַשליסן) עוואַ — איין אויסוועג איז אפשר פאַראַן! איין־איינציקער!

עוואַ:

וואָס אַזוינס?!

שמעון:

ס׳איז נישט נויטיק, מיר זאָלן זיך לאָזן אַלע דריי דורכן רינג!

עוואַ:

כ׳פאַרשטיי ניט!

שמעון:

איינער איז גענוג! די אַנדערע צוויי וועלן בלייבן אין בונקער ביזן אָוונט.

עוואַ:

וואָס הייסט עס?!

שמעון:

פאַר איינעם איז דאָס דורכקריגן זיך כמעט אָן געפאַר!

עוואַ:

און — דער איינער?!

שמעון:

איך!

עוואַ:

(דערשיטערט) שמעון!

שמעון:

דו און דוד וועלן אויסוואַרטן אונטן. ביינאַכט טרעפן מיר זיך ווידער.

ע ו אַ:

(פליסטערט) **שמעון! פון סאַמע אָנהויב אָן, פון די ערשטע רגעס, זײַנען מיר געווען אינאײנעם! כסדר, אין אַלע קאַמפן, אונטער אַלע פײַערן! האָסט איצט אַליין געזאָגט: אַזוי גוט איז צו גײן האַנט אין האַנט! ניט שוין זשע האָסטו געביטן דײַן מיינונג?!**

ש מ ע ו ן:

ניין, עוואַ! איך שווער דיר — ניין! אָבער קיין אַנדער אויסוועג איז נישטאָ.

ע ו אַ:

(מיט אַ שטילן שמייכל) **פאַרוואָס?! ס׳איז דאָ! זע מײַן קוילנוואַרפער — מײַן אייגענעם!** (זי גלעט דאָס געווער) **דאָס ערשטע מאָל האָב איך אַ קוילנוואַרפער פאַר מיר אַליין!**

ד ו ד:

(באַווייזט זיך) **שמעון, דער נעפּל הויבט אָן זיך פונאַנדער־ גיין! ניטאָ מער קיין רגע צו פאַרלירן!**

ע ו אַ:

(מיט אַ שמייכל) **איך בין גרייט!**

ש מ ע ו ן:

וויפל איז דער זייגער?

ד ו ד:

פופצן נאָך זעקס.

ש מ ע ו ן:

(שלאָגט זיך אַ ווײַלע מיט דער דעה) **גוט! מיר גייען!**

ה ע ר ש:

שמעון!

ש מ ע ו ן :

מיר מוזן גיין, טאַטע. קומט!

י ע ק ב :

איין ווײַלע! (ער באַרירט לייכט שמעון׳ס האַנט) **לאָזט דעם נושא־כּלים פֿריִער גיין — זײַן וועג!**

ד ו ד :

וואָס?!

ש מ ע ו ן :

(גייט־צו צו דודן, דערציילט אים, אין דער שטיל)

י ע ק ב :

(צו מלכהן און הערשן) **גאָטס ברכה אויף אײַך, קינדער!** (צום ערשטן און צווייטן ייד) **גאָטס ברכה אויף אײַך,** יידן! (ער הויבט אָן גיין) **נאָר זיך ניט מיאש זײַן! דאָס געזאַנג פֿון רשעים איז אויף קורצן!** (ער גייט פּאַמעלעך) **אַ מענטש זאָגט אויס זײַן גרויסן סוד ערשט בײַם סאַמע סוף פֿון לעבן, בײַ יציאת־נשמה. קיינער האָט אין געטאָ נישט געלעסטערט! אַלע האָבן אויסגעהויכט די נשמה אויף קדוש־השם!** (שוין ביים אַרויסגאַנג) **אין וועלכער זײַט זאָל איך גיין?**

ש מ ע ו ן :

דוד גייט מיט דיר, זיידע. מיר קומען גלײַך.

י ע ק ב :

(קוקט זיך פּאַמעלעך אַרום) **גאָטס ברכה אויף אײַך אַלע־מען!** (ער גייט אַרויס, פּאַמעלעך; דוד נאָך אים).

ש מ ע ו ן :

(לויפֿט־צו צו מלכהן) **מיר מוזן גיין, מאַמעשי! זײַ מיר מוחל!** (ער מאַכט אַ באַוועגונג, ווי ער וואָלט געוואָלט זי אַרומנעמען, אָבער זי זיצט, ווי זי וואָלט גאָרניט באַמערקט) **זײַ געזונט, מאַמעשי!**

מ ל כ ה :

(שווייגט, הויבט אפילו ניט אויף דעם קאָפּ)

ע ו אַ :

(שטיל) **זײַט געזונט, מאַמעשי!**

מ ל כ ה :

(ווי פריער, זיצט אומבאַוועגלעך)

ש מ ע ו ן :

זײַ געזונט, טאַטע! (שמעון און עוואַ הויבן אָן גיין, אויף לינקס)

מ ל כ ה :

(הויבט פּאַמעלעך אויף דעם קאָפּ) **חוהלע!**

ע ו אַ :

(שטעלט זיך אָפּ) **יאָ?**

מ ל כ ה :

דו אויך — גייסט אַוועק?

ע ו אַ :

מיר מוזן, מאַמעשי!

מ ל כ ה :

גוט... גוט... (לאָזט ווידער אַראָפּ דעם קאָפּ)

שמעון און עוואַ זײַנען שוין ביים אַרויסגאַנג.

ע ו אַ :

(פאַרהאַלט זיך פּלוצלינג, לויפט צוריק צו מלכהן) **מאַמעשי!**

מ ל כ ה :

(שטיל) **יאָ?**

עוואַ:

נעמט — אַט דאָס!

מלכה:

(ניט פאַרשטייענדיק) **האַ?!**

עוואַ:

אַט דאָס! (זי גיט איר) **דאָס זײַנען גראַנאַטן! צו שלײַדערן אויף זיי!**

מלכה:

(שטיל) **צו שלײַדערן?!**

עוואַ:

איר זעט?! דאָס איז אַ שרײַפּל! איידער מען גיט דעם גראַנאַט אַ שלײַדער, אויף אויפצורײַסן, שרויפט מען אָפּ דאָס שרײַפּל! אַט אַזוי! איר זעט?!

מלכה:

(שטיל) **איך זע חוהלע... איך זע...**

עוואַ:

און דערנאָך — מיט אַלע כחות! און גוט געצילט! אין זיי! ס׳רײַסט אויף! (זי ווייזט) **איך מוז גיין!**

מלכה:

וואַרט! (זי שטעלט זיך אויף, שווער, נעמט זי אַרום) **גיי מײַן קינד!** (זעצט זיך צוריק)

שמעון:

(לויפט־צו צו איר) **מאַמעשי! איך שווער דיר! בײַ אַלץ וואָס מיר איז הייליק! אויב מײַן לעבן וואָלט געהערט צו מיר — וואָלט איך געבליבן מיט דיר איצט, שוין ביז דער לעצטער רגע!**

מלכה:

(הייבט אויף צו אים דעם בליק, קוקט אים אָן אַ ווײַלע,

שטרענג) **דאָס האָב איך, שמעון, אין מײַן טראַכט, דיר דאָס לעבן געגעבן!**

ש מ ע ו ן :

יאָ, מאַמעשי!

מ ל כ ה :

און צו װעמען, צו װעמען געהערט דען דײַן לעבן איצט?!

ש מ ע ו ן :

צו װעמען?! (ער קלערט אַ רגע, װי זוכנדיק אַ תשובה, קוקט אַרום זיך, זײַן בליק פאַרהאַלט זיך אויף דער פאָן)

מ ל כ ה :

(װאָס האָט נאָכגעפאָלגט זײַנע באַװעגונגען) **די פאָן?..** (שמעון, אָן איין װאָרט, שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ; מלכה הויבט זיך אויף, נעמט אים אַרום) **גיי! גיי, מײַן זון!** (זי זעצט זיך גלייך צוריק).

ד ו ד :

(באַװײַזט זיך פון לינקס) **שמעון! שנעלער!**

ש מ ע ו ן :

יאָ! (ער לאָזט זיך לויפן, מיט עװאַן)

ע ו אַ :

(שוין ביים אַרויסגאַנג דערמאָנט זיך) **די פאָן!** (זיי בלייבן שטיין, קוקן אַ װײַלע, שװײַגנדיק, אויף דער פאָן)

ד ו ד :

(שטיל) **זאָל זי בלײַבן — װי אַן עדות: פון אונדזער נצחון!**

ש מ ע ו ן :

(מיט אַ שמייכל) **װי אַ האַנט אויסגעשטרעקט צום בענטשן...** (און באַלד ערנסט) **קומט!**

זיי לויפן אַלע דריי אַרויס.

ה ע ר ש :

(וואָס איז געשטאַנען ביים אַרויסגאַנג, רעכטס, פאַרלוירן, רופט שטיל) **מלכה! מלכה!**

מ ל כ ה :

(מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, מיד) **לאָז מיך, הערש! איך בעט דיך!**

ה ע ר ש :

דער אַריינגאַנג אין בונקער וועט זיין אָפן! כ׳וועל וואַרטן אויף דיר! איך וואַרט אויף דיר! מלכה! כ׳גיי ניט אַוועק! איך בין דאָ! (ער גייט אַרויס פּאַמעלעך, רעכטס)

אויף דער בינע בלייבט בלויז מלכה און, אין הינטער־גרונט, דער ערשטער און צווייטער ייד; מוזיק שטיל

מ ל כ ה :

(הויבט אויף פּאַמעלעך דעם קאָפּ, קוקט זיך אַרום, באַמערקט די יידן) **דאָס זיינט איר?! איר, וואָס איר רעדט אין ביינאַכט און באַגינען?!**

ע ר ש ט ע ר :

יאָ, מיר. ביינאַכט קוקן מיר אויס דעם מאָרגנשטערן.

צ ו יי ט ע ר :

ביטאָג וואַרטן מיר אויף דער נאַכט.

ע ר ש ט ע ר :

איצט וואַרטן מיר מער שוין אויף גאָרניט!

צ ו יי ט ע ר :

אַלץ איז אויס!

מ ל כ ה:

(חזרט) אַלץ איז אויס! (זי טראַכט אַ ווײַלע) **פינף קינדער** **האָב איך אויף דער וועלט געבראַכט — און זיי זײַנען** **נישטאָ מער! איך האָב געהאָפט אויף גוטס — און שלעכטס** **איז געקומען!**

ע ר ש ט ע ר:

איך האָב געהאַרט אויף ליכט...

צ ו ויי ט ע ר:

און פינצטערניש האָט אַלץ פאַרדעקט!

מ ל כ ה:

זיי רופן מיך כסדר! מײַנע טעג — ווינט און טרערן! מײַ־ **נע נעכט — קוילן און אַש! מיך אַרט ניט מײַן נפש! מיר** **איז נמאס מײַן לעבן! זיי רופן מיך אָן אויפהער, סײַ בײַטאָג,** **סײַ בײַנאַכט!**

ע ר ש ט ע ר:

גיי, ווי זיי — אין פײַער!

צ ו ויי ט ע ר:

גיי, ווי זיי — מיט פײַער!

ע ר ש ט ע ר:

גיי פאַרצערן דאָס פײַער!

ב ייד ע:

מיטן פײַער פון גאָט!

מ ל כ ה:

(חזרט שטיל) **מיטן פײַער פון גאָט...** (זי שטעלט זיך אויף פאַמעלעך, קוקט זיך אַרום, מאַכט עטלעכע טריט, הויבט

אויף די אויגן צו די גראַניטן, וואָס עווא האָט איר געגעבן, באַטראַכט זיי אַ ווײַלע, מורמלט) **דאָס פײַער פון** גאָט... (אַ פויזע און הויך) **פאַרשאָלטן זאָל ווערן דער טאָג, וואָס איך בין אין אים געבוירן געוואָרן — אויב איך וועל** ניט, פאַרן שטאַרבן, אויפבלאָזן אַ פײַער...!

ע ר ש ט ע ר :

דאָס פײַער!

צ ו ו י י ט ע ר :

דאָס פײַער פון גאָט!

מ ל כ ה :

אונטערגיין זאָל איך אָן אַ סימן אויף דער ערד — אויב **וועל ניט, פאַרן לעצטן אָטעם, צעצינדן אַ בראַנד...!**

ע ר ש ט ע ר :

אַ פײַער!

ב י י ד ע :

אַ פײַער פון גאָט

מ ל כ ה :

(איז געוואָרן ווי אַ געענדערטע אינגאַנצן, האָט זיך אויסגעגלײַכט, האַלט אין די הענט, וואָס זײַנען אויסגעצויגן, די גראַניטן און, הויך) אַ, **ערד — זאָלסט ניט צודעקן אונדזער בלוט! זאָלסט ניט אײַנזאַפּן אונדזערע טרערן! זאָל אונדזער געשריי דורכלעכערן די הימלען אַלע און ניט אײַנשטילן זיך ביזן סוף פון אַלע דורות! אַ פײַער...!**

ב י י ד ע :

אַ פײַער פון גאָט!

מ ל כ ה :

רוצחים! געדענקט — ס'איז פֿאַראַן אַ משפּט! דער משפּט פֿון גאָט! נישט פֿאַרגעסן וועט אײַך ווערן! נישט געשאָנקען וועט אײַך ווערן! (זי פֿאַרמעסט זיך ווי צו וואַרפֿן די גראַנאַטן) **אַ פֿײַער פֿון הימל!** (זי לאָזט זיך לויפֿן, אויף לינקס, און פֿאַרשווינדט)

ע ר ש ט ע ר :

(שטיל) **אַ פֿײַער...**

צ ו ו י י ט ע ר :

אַ פֿײַער פֿון גאָט...

פֿון רעכטס לויפֿט אַריין הערש.

ה ע ר ש :

מלכה! וווהין, מלכה?! (ער גייט אויף לינקס; קוקט אַרויס, פֿאַרזיכטיק, רופֿט, פֿריער שטילער, דערנאָך אַלץ העכער) **מלכה, קום צוריק, איך בעט דיך! לאָז מיך ניט אַליין! צו וואָס אָפּגעלעבט אַ לעבן — פֿאַר וועמען, פֿאַר וואָס?! מלכה, האָב רחמנות!** (ער קוקט ווידער און פֿלוצלינג, מיט שטייגנדיקן אומרו) **מלכה, וואָס טוסטו?!** (פּויזע און באַלד, מיט אַנגסט) **ניטע, מלכה!** (ער קאָן מער ניט באַהערשן זיין אומרו, שרייט כמעט) **מלכה, היט זיך! פֿאָרזיכט, מלכה! ניטע! פֿאַרזיכט, זאָג איך דיר!** (פּויזע) **זיי גייען! זיי קומען פֿון יענער זײַט! ווי גאָט איז דיר ליב!** (ער זוכט אַ רגע אַרום זיך, בויגט זיך איין, כאַפּט אַ שטיק אייזן און לאָזט זיך לויפֿן לינקס, מיט אַ ווילדן אויסגעשריי) **מלכה! מלכה!** (ער פֿאַרשווינדט)

אַ פּויזע; דער ערשטער און צווייטער ייד שטעלן זיך אויף, קוקן זיך אַרום און פֿאַרנעמען זיך פֿאַמעלעך, איינער רעכטס, דער צווייטער לינקס

ע ר ש ט ע ר :

(גייענדיק) אויף אַלץ איז דאָ אַ שעה אונטערן הימל. אַ צײַט געבוירן צו ווערן...

צ װ ײ ט ע ר :

און אַ צײַט צו שטאַרבן.

ע ר ש ט ע ר :

פון דעם טיפסטן און תהומיקסטן תהום...

צ װ ײ ט ע ר :

פון די שװעלן פון טויט...

ב ײ ד ע :

רופן מיר!

ע ר ש ט ע ר :

דאָס בייז װעט װערן װי אַ שטרוי פאַרן װינט!

צ װ ײ ט ע ר :

און װי שטויב, װאָס דער שטורעם פאַרטראָגט!

ע ר ש ט ע ר :

און דער װינטער װעט פאַרבײַ...

צ װ ײ ט ע ר :

און בלומען װעלן זיך באַװײַזן אין לאַנד...

ע ר ש ט ע ר :

און די צײַט...

צ װ ײ ט ע ר :

פון געזאַנג...

ע ר ש ט ע ר :

וועט קומען!

ב ײ ד ע :

וועט קומען!

זיי פאַרשווינדן בײדע, שטיל; פון הינטער דער בינע דערגייט דאָס קול פון תנחומען, וואָס ברומט דעם ניגון פון „צען ברידער זיינען מיר געוועזן”; באַלד באַווייזט זיך תנחום; ער גייט פּאַמעלעך, איינגעבויגן, קענטיק מיט די לעצטע כחות.

ת נ ח ו ם :

(מיטן באַקאַנטן ניגון) **האָט מען אַלעמען אויסגעקוילעט — איז ניט געבליבן קיינער... אוי! אוי! אוי!** (ער זעצט זיך שווער אויף אַ בער־גל ציגל) **די טירן פאַרמאַכט, די שוועלן פאַרקלאַפּט — אָפּגעטאָן מיינס! איצט קאָן איך גיין רוען. באַלד וועט זיין תחית־המתים.** (פּויזע; ער טראַכט אַ ווײלע) **אָבער דער באַשייד?! ווו איז פאַרט דער באַשייד?! אפילו די ביינער, די אויסגעטריקנטע, פון טאָל, האָסטו געלאָזט פאַרוואַנדלען אין אַש! דוכט זיך, וואָס זשע איז מיין כח, אַז איך זאָל נאָך האָפן?! אָבער, דו זעסט — איך האָף!** (נאָך שטאַרקער) **איך האָף!** (ער שטעלט זיך אויף, גלייכט זיך אויס, הויבט אויף די הענט און, הויך, לאַנג, מיט אַל'ע **כחות) איך האָף!** (ער בלייבט אַ רגע שטיין אַזוי, טוט פלוצלינג זיך אַ בויג־איין אין צווייען, ווי דורך אַ קויל געטראָפן און פאַלט פּאַמעלעך, אָנגעשפּאַרט אין די שטיי־נער) **מיטן אייגענעם רצון! אַליין זיך אויסגעקליבן די שעה מיינע! אַליין!** (ער ליגט, האַלב אָנגעשפּאַרט) **טאַטע־פאָטער — חטאתי!.. כ'האָב געקריגט זיך מיט דיר... גע־וויכוחט מיט דיר... אַמאָל, אין לאַנד עוץ, האָב איך חרטה געהאַט... מחילה געבעטן... היינט נישט.... נישטאָ מער קיין באַדויער אין מיין האַרצן... מער וועל איך ניט וואַלגערן זיך**

אין שטויב און אַש, פאַר דײַן כבוד וועגן... דײַן משפּט נעם איך נישט אָן!.. (מיט די לעצטע כּחות) איך הויב אויף דעם קאָפּ און טו שרײַען צו דיר, מיט געשריי פון מײַן זעל! (הויך, שטאַרק) איך רוף דיך אַרויס צום גרויסן וויכוח! (און שוואַכער) צום גרויסן־גרויסן וויכוח! (אַלץ שוואַכער, זײַן קאָפּ בויגט זיך אַלץ מער) איבער דורות און וועלטן... איבער הימל און ערד... ביז ס'וועט זײַן דער באַשייד... און ס'וועט קומען די צײַט... פון געזאַנג... און די ברידער... אַלע צען... און יידל־מיטן־פידל... און בערל־מיטן־באַס... און אויפסנײַ... דאָס לידל... אויפן מיטן... אויפן מיטן — גאַס...
(ער איז אַנטשוויגן געוואָרן; מוזיק שטיל)

פּאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם

ווערק פון ח. סלאַוועס:

„נקמה־נעמער",

טראַגעדיע אין דריי אַקטן. פאַרלאַג „אויפסניי", פּאַריז, 1947.

„המנס מפּלה",

פאָלקס־שפּיל אין פיר אַקטן. פאַרלאַג „אויפסניי", פּאַריז, 1949.

„די יונהם און דער וואָלפיש",

פאָלקס־שפּיל אין דריי אַקטן. פאַרלאַג „אויפסניי", פּאַריז, 1953.

„ברוך פון אַמסטערדאַם",

דראַמע אין פיר אַקטן, „איקוף"־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1956.

„די מלחמה פון גאָט",

דראַמע אין דריי אַקטן, „איקוף־פאַרלאַג", ניו־יאָרק, 1963.